Opłata pocztowa uiszczona ry załtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 147 (1142)	Łódź, Poniedziałek 27 Czerwca 1927	פינפטער יאהרגאנג	לאָדז, מאָנטאָג כ״ו סיון תרפ״ז.	Nr. 147 (1142)

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

סאָוויעטען וועלען פאָדערען אַ תשובה אויף דער צווייטער נאָטע צו דער פּוילישער רעגירונג.

מאָסקווע, 26 (ספּעצ. טעל.) דער ראַט פון פאָלקס קאָמיסאַרען האָט, אויסהערענדיג פּשיטשערינס בעריכט וועגען זיין געשפּרעך מיט דעם פּוילישען געזאַנדטען אין מאָסקווע, פּאַטעק'ן, אַז פּוילען האַלט דעם ענין וואָיקאָוו פאַר ערלעדיגט, און וועט נישט דערפילען די פאָדערונגען פון דער צווייטער נאָטע — בעשלאָסען צו פאָדערען אַ שריפטליכע תשובה אויף דער סאָוויעטישער נאָטע.

שטרעזעמאַן פאָהרט רעדען וועגען שלום.

בערלין, 26 (ספּ. טעל.) דער אויסערן-מיניסטער שטרעזעמאַן איז היינט פריה אַרויסגעפאָהרען פון בערלין קיין אָסלאָ, כדי דאָרטען, פאַר'ן נאָבעל-קאָמיטעט צו האַלטען אַ שלום רעדע.

לויט ווי עס דערוויסט זיך בערלינער דיפּלאָמאַטישע קרייזען, האָט שטרעזעמאַן אין זיין רעדע בדעה צו פאָדערען, אַז אַלע מלוכות זאָלען זיך צעזוואָפענען.

דינסטאָג וועט דער נאָרוועגישער קעניג האָקאָן מאַכען אַ פייערליכע אויפנאַהמע לכבוד שטרעזעמאַנען, און דעם צווייטען טאָג וועט שטרעזעמאַן האַלטען זיין רעדע.

טשעמבערלען און בריאַן וועלען קיין ספּעציעלע רעדעס נישט האַלטען, נאָר זיי וועלען איבערשיקען די בעאַרבייטע רעדעס צו זייערע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטעהער אין אָסלאָ, וועלכע וועלען זיי פערעפענטליכען אויף דער זיצונג פון נאָבעל-קאָמיטעט.

דייטשע פירשטען מאַכען אַ פּשרה.

בערלין, 26 (ספּ. טעל.) דער פּאַרלאַמענט וועט די וואָך בעטראַכטען דעם פאָרשלאַג פון די דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען מכח פּראָלאָנגירען דאָס געזעץ בנוגע דער דעציזיע וועגען די ענטשעדיגונגען פאַר די פירשטען פון דער געוו. קעניגליכער משפּחה אונטער'ן דרוק פון די דייטש-נאַציאָנאַלע, און נישט-רעכענענדיג זיך מיט'ן פּראָטעסט פון לינקען פליגעל, האָט די רעגירונג בדעה דעם דאָזיגען פאָרשלאַג אָבצוּוואַרפען.

די פירשטען זאָלען האָבען אויסגעדריקט די גרייטקייט אויף אַ פּשרה'דיגען אופן צו ערלעדיגען דעם ענין.

טראָצקי און זינאָוויעוו אויסגעשלאָסען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

בערלין, 26 (ספּעצ. טעל.) לויט ידיעות וואָס זענען דאָ אָנגעקומען פון מאָסקווע, זענען טראָצקי און זינאָוויעוו אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

נעכטיגע סלאָוואַצקי-פייערונג אין וואַרשאַ.

וואַרשאַ, 26. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

די שיף „מיצקעוויטש" איז אָנגעקומען צום האַפען 6 אַ זייגער מיט 5 מינוטען. ענטגעגען איהר איז אַרויסגעפאָהרען אויף אַ מאָטאָר-שיפעל דער רעגירונגס-קאָמיסאַר און דער הויפּט פּאָליצײ-קאָמיסאַר.

ביים האַפען האָבען זיך פערזאַמעלט: די פאָרשטעהער פון די רעגירונג, דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס, סיים און סענאַט, שריפטשטעלער-דעלעגאַציעס א. א. וו. פאָרשטעהער פון דער יודישער געמיינדע, פון סוחרים-פעראיין און אַקאַדעמיקער. (דער יודישער ליטעראַטען-און-זשורנאַליסטען-פעראיין איז נישט געווען פאָרגעשטעלט, ווייל מ'האָט איהם נישט איינגעלאַדען).

ביים אָנקומען פון שיף האָט דער בעקאַנטער פּוילישער דיכטער מיריאַם (זענאָן פּשעסמיצקי) געהאַלטען אַ פייערליכע רעדע אין נאָמען פון די פּוילישע שריפטשטעלער.

באַלד נאָך דעם האָט דער סלאָוואַצקי-צוג געריהרט.

צו-ערשט איז געגאַנגען מיליטער: פוסגעהער, קאַוואַלעריע, אַרטילעריע, ווייטער, זענען געפיהרט געוואָרען די קרענץ — אַ'ערך הונדערט שטיק. דערנאָך זענען געגאַנגען די גייסטליכע, און ערשט נאָך זיי — די טרומנע גופא אין אַ הערליכען קאַטאַפאַלק איינגעפּוצט געפּוצט אין די נאַציאָנאַלע קאָלירען — ווייס און אַמאַראַנט און געשפּאַנט אין עטליכע פּאָר פערד.

גלייך נאָכ'ן קאַטאַפאַלק איז געגאַנגען די רעגירונג.

אויף ביידע זייטען פון דעם וועג, וואו די פייערליכע פּראָצעסיע איז געגאַנגען, זענען געשטאַנען שפּאַלערען פון שילער און פּאָליציי.

ביים דענקמאָל פון קעניג זיגמונט האָט זיך די פּראָצעסיע אָפּגעשטעלט, און שטעהענדיג אויף אַ שיין-דעקאָרירטער טריבונע האָט געהאַלטען אַ רעדע דער מלוכה-פּרעזידענט.

שפּעטער איז דער אָרון אַפּגעפיהרט געוואָרען אין דער קאַטעדראַלע.

אַ גאַנצען טאָג זענען אויף דעם זאַקסישען פּלאַץ און אויף פיל אַנדערע פּונקטען געהאַלטען געוואָרען פייערליכע רעדעס, וועלכע זענען דורך טעלעפאָנען-שטאַרקונגס-אַפּאַראַטען איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ גרויסען עולם, וואָס זענען אין געדיכטע מאַסען אַרויס אין גאַס.

אַ מורא'דיגע שרפה.

מאָסקווע, 26 (ספּ. טעל.) אין דער גובערניע אוליאַנאָוו (אַזוי הייסט זי לויט לענינ'ס ריכטיגען פאַמיליען נאָמען) איז אויסגעבראָכען אַ ריזיגע שרפה, בעת וועלכער עס זענען פערברענט געוואָרען 600 הייזער, 50 מענשען און 500 בהמות, שאָף און רינדער.

ציוניסטישער לאַנד-צוזאַמענפאָהר.

וואַרשאַ, 26 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די וואַהלען צום ציוניסטישען לאַנד-צוזאַמענפאָהר האָבען דאָ געטראָגען אַ זעהר לײדענשאַפטליכען כאַראַקטער, און די וואַהלער האָבען צוגעטיילט זייערע שטימען אויף 8 ליסטעס.

די הויפּט-ליסטעס זענען געווען: „עת לבנות", „על המשמר", „רעוויזיאָניסטען".

דער רעזולטאַט איז נאָך דערווייל נישט פעסטגעשטעלט.

פון דער ספּאָרט בעוועגונג.

„וואַרטאַ" (פּויזען) — „טוריסטען" (לאָדז) (0:3) 0:3

„הכח" II — „קדימה" (0:1) 0:4

ל. ק. ס. II — טוריסטען II (0:1) 1:1

ל. ק. ס. III — טוריסטען III 3:4

וואַרשאַ.

„פּאָלאָניאַ" — 1. פ. ק. 1:3

לעמבערג.

„פּאָגאָן" — „ווּיסלאַ" 1:4

קראָקאָ.

„יוטשענקאַ" — „וואַרשאַוויאַנקאַ" 1:4

קאַטאָוויץ.

„רוך" — „לעגיאַ" 1:3

טויט-אורטייל אויף אַ יודישען זעלנער אין ליטע.

די טויט-שטראָף פערביטען אויף 20 יאָהר תפיסה.

קאָוונע, 26 (טעלעגראַפיש דורך ימ״אַ). דאָס פעלד-געריכט אין פּאָניעוועזש האָט פער'משפט צו טויט-שטראָף דעם יודישען סאָלדאַט הערשעל סעגאַלאָוויטש פון ראַדזי-וויעליטש, אַלס אַ בעשולדיגטען אין פערשפּרייטען קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס.

דער פּרעזידענט סמעטאָנאַ האָט בעגנעדיגט סעגאַלאָוויטשען און פערביטען די טויט-שטראָף אויף 20 יאָהר תפיסה.

אַ באַהן-קאַטאַסטראָפע הינטער קאָוועל.

וואַרשאַ, 26. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). היינט ביינאַכט איז ביי דער סטאַציע מאַטשעיאָוויצע הינטער קאָוועל פאָרגעקומען אַ באַהן-קאַטאַסטראָפע מיט'ן שנעל-צוג 906, וואָס איז געגאַנגען פון זדאָלבוּנאָוו קיין וואַרשאַ.

12 אַ זייגער ביינאַכט איז דער שנעל-צוג אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פראַכט-צוג. 6 וואַגאָנען פון פראַכט-צוג זענען צושמעטערט געוואָרען. דער לאָקאָמאָטיוו פון שנעל-צוג איז אויך צובראָכען.

איין קאָנדוקטאָר איז דער'הרג'עט געוואָרען, און 4 בעאַמטע זענען לייכט פערוואונדעט.

דער שנעל-צוג האָט פערשפּעטיגט קיין וואַרשאַ מיט זעקס שעה.

גראַבסקי'ן אויף אַ דועל

רופט אַרויס דער אדוואָקאַט ד״ר אבערלענדער.

קראָקאָ, 26. (טעלעפאָניש). דער אַדוואָקאַט ד״ר אבערלענדער האָט אַרויסגעשיקט זיינע סעקונדאַנטען צום געוו. פּרעמיער וולאַד. גראַבסקי, אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער ווערטער-אויסטויש בעת'ן פּראָצעס פון ה' גראַבסקי געגען סטאַפּינסקי'ן.

וול. גראַבסקי איז אַרויסגעפאָהרען פון קראָקאָ, בעשטימענדיג פריהער זיינע עהרען-פערטרעטער אין די פּערזאָנען פון פּראָפ. איגנאַצי כשאַנאָווסקי און אַדוו. ד״ר באָגדאַני.

רעפ. וואַשקעוויטש פערוואונדעט

אויף אַ בלוטיגען וואַהל-מיטינג אין זגערזש.

(ג) אויף שבת, 6 אַ זייגער נאָכמיטאָג האָבען די לינקע נ.פּ.ר. אין זגערזש צוזאַמענגערופען אַ וואַהל-מיטינג, וועלכער האָט געדאַרפט פאָרקומען אין האָפּמאַנס פאַבריק (דאָמבראָווסקאַ גאַס). אויף דעם מיטינג זענען געקומען הערכך 1200 פּערזאָן, צווישען זיי אַ גרויסע צאָהל נישט קיין נ.פּ.ר.'אָוצעס.

עס פערשטעהט זיך, אַז די שטימונג אויף דעם מיטינג איז פון אָנהויב אָן געווען אַ שטאַרק-געהויבענע.

דער מיטינג האָט זיך פערענדיגט מיט בלוטיגע געשלעגען.

ס'זענען געלאָזט געוואָרען אין גאַנג מעסערס און אַנדערע שאַרפע מכשירים.

אין רעזולטאַט זענען געבליבען אַ סך פערוואונדעטע, צווישען זיי אויך דעפּוטאַט וואַשקעוויטש.

די פּאָליציי האָט מיט גרויס מיה דעם מיטינג אויפגעלעזט.

קאָמוניקאַט

פון מענער-מאַגאַזין-שניידער-פעריין

דעם 8-טען מאַי ד. י. איז געהאַלטען געוואָרען אַ פאַך-קאָמיסיע ביי די מענער-מאַגאַזין-סעקציע, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ אויפגאַבע צו פערבעסערן דעם טרויעריגען מצב פון די מיטגלידער. די קאָמיסיע איז צוגעטרעטען מיט ענטוזיאַזם צו דער אַרבייט. אויף דער ערשטער ליניע האָט זי זיך געהאַט אָנגעצייכענט אַ רייהע פראַגען, וויי: אויסבעסערן די בעציהונג פון די מאַגאַזינערען לגבי זייערע בעל-מלאכות און די הויפּט פון אַלע פראַגען: אָפּשאַפען די לאַנג-טערמיניגע וועקסלען, וואָס ווערען געגעבען פאַר אַרבייט. ליידער, ועהען מיר אָבער, אַז די מיטגלידער טוען גרינגשעצען זייער אייגענע אינטערעסען און מאַכען אונז אומטעגליך ווייטער צו אַרבייטען. מיר האָבען שוין אַ פּאָר מאָל גערופען פערזאַמלונגען און עס קומען נישט די צאָהל מיטגלידער, כדי צו קענען אָננעהמען אַ אַלגעמיינעם בעשלוס.

דעריבער ווענדען מיר זיך צו די מיטגלידער פון מענער-מאַגאַזין-פאַך, אַז דינסטאָג, דעם 28. יוני ד. י., 7 אַ זייגער אָווענד ווערט גערופען צום לעצטען מאָל אַ פערזאַמלונג און אויב ס'וועט זיך נישט שטעלען דאָס גאַנצע פאַך, לעזען מיר אויף די מענער-סעקציע ביים מאַגאַזין-שניידער-פעראיין.

די פאָלגען דערפון וועט שוין דערנאָך יעדער מיטגליד שפּירען.

מיט אַכטונג

פאַך-קאָמיסיע פון מענער-מאַגאַזין

ביים שניידער-מייסטער-פעראיין, אַלע 1-טע מאַי 2

750

ענגלאַנד ריכט זיך נישט אויף קריג

איהרע הויפּט-קרעפטע זאָלען קאָנצענטרירט ווערען אויפ'ן נאָהענטען מזרח און אין אינדיען

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.) אין די פּאָליטישע קרייזען האָט אַ לעבהאַפטע פעראינטערעסירונג אַרויסגערופען די ידיעה, אַז אין הסכּם מיט די דאָמיניען, האָט די ענגלישע רעגירונג בדעה צו קאָנצענטרירען די מעהרהייט פון דער עקספּעדיציע-אַרמעע אויפ'ן נאָהענטען מזרח אָדער אין אינדיען.

פון דעם אורטיילט מען, אַז די רעגירונג זעהט נישט פאָר קיין אייראָפּעאישע קאָמפּליקאַציעס, און וויל האָבען איהרע הויפּט-כּוחות פּערזאָמעלט נאָהענט פון שוואַרצען ים, עגיפּטען און כינא.

שלום צווישען די אראבישע פּארטייען.

ירושלים, (יט"א) די טעג איז דאָ פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג אין הויז פון מוסא קאזים פּאשא, פּרעזידענט פון אַראַבישען עקזעקוטיוו. ס'האָבען אַנטייל גענומען ראגעב ביי נאשאשיבי, דער פּרעזידענט פון ירושלים און זיינע נאָהענטע — אַלע בייז-איצטיגע געגנער און שונאים פון עקזעקוטיוו. פּערהאַנדלונגען צווישען ביידע פּאַרטייען קומען שוין פאָר אין משך פון עטליכע וואָכען און אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג, ווי מען זאָגט, איז דער שלום ענדגילטיג געשלאָסען געוואָרען.

אַרעסטירט דער ליובאַוויטשער רבי אין רוסלאַנד.

ריגא, 26 (יט"א טעלעגראַפיש) פון לענינגראַד איז דאָ אָנגעקומען די ידיעה, אַז דאָרט איז לויט אַ פעראָרדנונג פון דער סאָוויעטישער מאַכט אַרעסטירט געוואָרען דער ליובאַוויטשער רבי שניאורסאָן ווייל ער האָט געזאַמעלט געלד אויף ישיבות, וואָס איז דורך דער סאָוויעטען-מאַכט פערבאָטען. דער אַרעסט האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע אויפרעגונג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג.

די ווענדונג פון ענגלישען ועד-הקהלות צום רומענישען פּרעמיער

אַ דאַנק פאַר לוסיען וואָלף.

לאָנדאָן. (י.ט.א.) אויף דער לעצטער זיצונג פון „ועד הקהלות" אין ענגלאַנד (באָרד אָף דעפּוטיס) האָט ה' לוסיען וואָלף אָפּגעגעבען אַ באַריכט וועגען דער לאַגע פון די יודען אין רומעניען. נאָכדעם ווי עס איז געקומען צו דער קאַבינעט-ענדערונג אין רומעניען איז ענטשטאַנען די פראַגע, צו דאַרף מען פערעפענטליכען די פערשידענאַרטיגע דאָקומענטען וועגען די יודען-פערפאָלגונגען אין דער לעצטער צייט אָדער אָפּוואַרטען ביז עס וועט קלאָר ווערען די שטעלונג פון דער רעגירונג. צוליב דעם אָבער, וואָס דער „אַרצר קאָמיטע" איז דורך דער גריה-ערדיגער רעגירונג פיל מאָל בעשולדיגט געוואָרען, אַז ער טרייבט איבער אין דער שילדערונג פון די צרות, וואָס ווערען געטאָן די רומענישע יודען, האָט דער קאָמיטעט בעשלאָסען צו פערעפענטליכען די אויטענטישע דאָקומענטען, אויף וועלכע עס האָבען זיך געשטיצט די בעהויפּטונגען פון „פאַרעין קאָמיטע" וועגען דער לאַגע פון די יודען אין רומעניען.

צום פעלקער-בונד האָט זיך דער פאַרעין קאָמיטע דערוויייל נאָך נישט געווענדעט. עס איז אָבער בעשלאָסען געוואָרען, אַז אויב עס וועט זיין נויטיג וועט דער קאָמיטע זיך ווענדען מיט אַ פּעטיציע צום פעלקער-בונד.

דער באַריכט פון „פאַרעין קאָמיטע" איז גענומען געוואָרען צום קענטעניש.

לויט'ן פאָרשלאָג פון ה' מאָריס מייער האָט דער „ועד הקהלות" אויסגעדריקט דעם ה' לוסיען וואָלף אַ דאַנק פאַר זיין אָפּערוויליגער אַרבייט.

וועגען דעם „נומערוס קלאוזוס" איז בעשלאָסען געוואָרען אונטערזוכען, צו עס איז ראַטזאַם צוליב דער גענאַנטער שטעלונג פון דער אונגאַרישער רעגירונג ווייטער זיך ווענדען וועגען דעם ענין צום פעלקער-בונד.

אין דער פראַגע פון „אויסלענדער-געזעץ" אין ענגלאַנד איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע. דאָס דער „ועד הקהלות" פון די ענגלישע יודען פערורטיילט ענטשידען דעם פּראָיעקט צו וואַנדלען דעם צייטוויליגען פּראַמרען-געזעץ פון יאָהר 1919 אין אַ שטענדיגען געזעץ דער דאָזיגער פּראָיעקט שטעהט אין סתירה צום גייסט פון דער ענגלישער פּאָליטיק און געזעצגעבונג.

ציוניסטישע קאָנפערענץ אין אמעריקא.

אַטלאַנטיק סיטי. (יט"אַ טעלעגראַפיש). דאָ האָט זיך געעפענט די 31 קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויף דער קאָנפערענץ איז אַנוועזענד מ. אוסישקין.

די קאָנפערענץ וועט בעהאַנדלען די פראַגען וועגען דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און וועגען 15 ציוניסטישען קאָנגרעס.

„ברית טרומפּלדור".

ירושלים. (יט"אַ). די רעגירונג האָט ערלויבט די גרינדונג פון „ברית טרומפּלדור" אַ פעראיין אויפ'ן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר פאַר פיזישע ערציהונג אין אַלע איהרע געשטאַלטען. דער הויפּט-שטאַב פון פעראיין איז אין תל-אביב. אין דער שפּיץ שטעהט ה' מנחם אַרבער, איינער פון די רעוויזיאָניסטישע הויפּט-טוערס אין ארץ ישראל.

איסור-הוראה אויפ'ן מונקאטשער רבי.

מונקאַטש (יט"אַ). 62 גדולי התורה און בעריהמטע רבנים פון פּוילען און אונגאַרען האָבען ערקלערט אַן איסור-הוראה פאַר'ן מונקאַטשער רבי'ן הרב חיים אליעזר שפּירא און געגעבען זייער הסכּמה דעם רוב פון דעם מונקאַטשער יודישער בעפעלקערונג זיך אָבצושיידען פון דער איצטיגער קהלה, וואו הרב שפּירא שטעהט בראש, און שאַפען אַ נייע קהלה אין מונקאַטש מיט אַן אַנדערען רב.

אין מונקאַטש זענען צו ערוואַרטען נייע שווערע מחלוקות צווישען ביידע צדדים.

צווישען די, וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם איסור, געפינען זיך די נעמען פון די לעמבערגער, בראָדער, טאַרנאָפּאָלער און וויזשניצער רבנים.

נאָך נישט אַזוי געפעהרליך.

פראַנצויזיש-דייטשע האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען קומען נאָך פאָר.

בערלין, 26 (ספּ טעל.) די היינטיגע פּרעסע, ברענגענדיג די ידיעות פון פּאַריז, שטעלט פעסט, אַז די האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען מיט פראַנקרייך זענען נישט איבערגעריסען געוואָרען, און ווערען ווייטער געפיהרט אין דער הינזיכט, — אַז פראַנקרייך זאָל דאַרפען איינגעהן אויף דער אָנערקענונג פון די קלויזולעס וועגען העכסטער פּריווילעגירונג דע-פאַקטאַ, און דייטשלאַנד — דע-יורע.

די דייטשע דעלעגאַציע זאָל האָבען אויסגעדריקט די גרייטקייט מכּח ם צו זיין אויף שליסען אַ פּראָוויזאָריום אויף איין יאָהר.

נישט אריינגעלאזען א פוילישען יודען קיין א"י.

ירושלים. (יט"אַ). ה' אהרן קאָנגרעצקי, אַ יודישער טוריסט פון פּוילען וואָס איז אָנגעקומען אויפ'ן שיף „העלי-אָפּאָלים" איז נישט אַריינגעלאָזט געוואָרען קיין ארץ ישראל, ווייל זיין וויזע איז געווען גילטיג נאָר אויף נאָך 20 טעג. ה' קאָנגרעצקי איז געווען געצוואונגען אָבצופאָהרען צוריק קיין פּוילען.

ה' קאָנגרעצקי איז אַן אייגענטימער פון אַ לאַנד-שטח אין ארץ-ישראל.

פּראָטעסט פון די עסטרייכישע יודען

געגען די רדיפות אויף יודען אין רומעניען.

ווינען, 26 (יט"א טעלעגראַפיש) דער עסטרייכישער פּראָטעסט-קאָמיטעט געגען די רדיפות אויף יודען אין רומעניען האָט איבערגעשיקט אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע פון אַ יודישען מאַסען-מיטינג אין ווינען צום פעלקער-בונד און צו דער אוניאָן פון די פעלקער-בונד-ליגעס. איצט האָט דער סעקרעטאַריאַט דערהאַלטען צוויי בעשטעטיגונגס-בריף פון סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער-ליגע און פון אוניאָן פון די פעלקער בונד-ליגעס, אַז די רעזאָלוציעס זענען ביינעלעגט געוואָרען צו די ענטשפּרעכענדע אַקטען און וועלען אויסגענוצט ווערען.

ווערען די יודען דעגענערירט?

יעקב לעשטשינסקי בעווייזט, אַז יודען זענען אַ געזונדע ראַסע.

בערלין. (י. ט. א.) אין משך פון די לעצטע צעהנדליגער יאָהר איז אָפט מאָל איבערגעחזרט געוואָרען דורך יודישע און נישט-יודישע געלעהרטע די בעהויפּטונג, אַז דאָס יודענטום ווערט פיזיש דעגענערירט און שטאַרבט אויס. דער בעקאַנטער יודישער עקאָנאָמיסט יעקב לעשטשינסקי האָט איצט בעהאַנדעלט די פראַגע אין זיין לעצטען ווערק „די פּראָבלעמען פון דער בעפעלקערונגס בעוועגונג ביי יודען", וואָס איז ערשינען אין אינטערנאַציאָנאַלען סטאַטיסטישען פערלאַג „מעטראָן" אין פּאַדוא.

שטיצענדיג זיך אויף אַ רייכען מאַטעריאַל פון געבורטען און שטערבליכקייט ביי יודען אין די לענדער מיט אַ נעדיכטער יודישער בעפעלקערונג, אַנאַליזירט לעשטשינסקי דעם יודישען בעפעלקערונגס-פּראָבלעם און קומט צום פאָלגענדען אויספיהר:

מיט אַ רוהיגען געוויסען קענען מיר פעסטשטעלען, אַז די שטימען וועגען דער דעגענעראַציע פון גלות-יודענטום, וואָס בעאונרוהיגען שוין פון לאַנג די יודישע עפענטליכקייט, זענען פאַלשענדיג ביזאַניש נישט בעגרינדעט. גע וויס זענען אויפ'ן יודישען נאַציאָנאַלען לעבענסבוים פערהאַן אָפּגעטריקענטע צווייגען, וואָס האָבען זיך דערווייטערט פון די וואָרצלען פון נאַציאָנאַלען שטאַם און וועלען אָפּפאַלען. דער בוים אַליין וואַקסט זיך גרויס אַלס געזונד און פרוכט באַר".

לעשטשינסקי ווייזט אויף, אַז דער נאַטירליכער צוּוואוּקס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין מזרח-אייראָפּאַ איז געווען נישט קלענער, ווי ביים דייטשען פאָלק. אין די 80-גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט דער צוּוואוּקס פון אייראָפּעאישען יודענטום בעטראָפען יעהרליך 130 000 ביז 140000 אין יאָהר 1900 אַפילו 155,000 און אין יאָהר 1914 איז דער צוּוואוּקס געפאַלען אויף 115,000 נפשות. דאָס פאַלען פון נאַטירליכען צוּוואוּקס אין לעצטען פעריאָד איז אַ פועל-יוצא פון אַ געוואַלדיגער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקאַ, וואָס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען. דער צוּוואוּקס פון מערב-אייראָפּעאישען יודענטום איז בעדייטענד קלענער. אויף יעדע 1000 נפשות האָט די צוּוואוּקס-ציפער בעטראָפען: אין די 80-גער יאָהרען פון 19-טען יאָהרהונדערט ביי די מזרח-יודען 17 ביז 18. ביי די מערב יודען 12 ביז 14 אין אָנהויב פון 20' יאָהרהונדערט ביי די מזרח-יודען 17 ביז 18, און ענדליך פאַר דער מלחמה ביי די מזרח יודען 12 ביז 13, ביי די מערב-יודען 2 ביז 3 אויף 1000 יודישע נפשות.

בעזונדער גינסטיג געהט די ענטוויקלונג פון דעם טייל פון מזרח אייראָפּעאישען יודענטום, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ. ביי דעם טייל פון יודענטום בעמערקט זיך אַ גאַנץ איינצאַרטיגע ערשיינונג אין דער בעפעלקערונגס בעוועגונג. גלייכצייטיג מיט דער הויכער געבורטען-צאָהל טרעט אַרויס אַ בעוואונדערסווערטע קליינע שטערבליכקייט.

לעשטשינסקי ענדיגט זיינע אויספיהרען מיט פאָלגענדע ווערטער: ביאָלאָגיש האַלט אויס דאָס מזרח - אייראָפּעאישע יודענטום אַ פערגלייך מיט די געזונדסטע און פרוכטבאַרסטע פעלקער אין אייראָפּאַ. אין די פּראָצעסען פון דער בעפעלקערונגס בעוועגונג קומען פאָר ביי יודען נאָך גינסטיגער ווי ביי אַנדערע, ווייל די יודען בעקומען די זעלבע רעזולטאַטען פערוועגדענדיג פיל ווייניגער קרעפטען אין פערגלייך מיט אַנדערע פעלקער. אין משך פון לאַנגע דורות האָט דאָס יודענטום ערוואָרבען דאָס קלוגע נוצען פון כּוחות – עקאָנאָמיע: „ברענגען אויף דער וועלט נישט צופיל ניי-געבוירענע און וואָס מעהר פון זיי דערהאַלטען ביים לעבען".

אַ האַלב הויז

צו פערקויפען

אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. העלבאַך-גאַס 27. נעגויצירען ביי לעווקאָוויטש, שו. יאַקובאַ 10.

748 מעקלערס – געוואונשען.

אַכטונג ה"ה פריזיערס!!!

מיין פּערפומעריע-געשעפט איז פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון פערשידענע העלנישע און בלומען-וואַסערן צום פּרייז פון 4 זל. אַ קילאָ, וועזשעטאַל 3 זל., פיקסין—7.80, ווי אויך אַלערליי פריזיער-צובעהערע צו קאָנקורענץ-פּרייזען.

J. Drukier מיט אַכטונג

ll ZAWADZKA ll

קומט און איהר וועט זיך איבערצייגען!

ביליג און גוט!

ספּאָרט-וואַגען . . . . 58.— זל.

קינדער-בעט מיט ניקל און שאַטק, מאַטראַץ 65.— „

אַמעריקאַנקע . . . . 30.— „

פאָדערט איבעראַל!

די גאַראַנטירטע פעלד-בעטען פון דער פירמע

„PALMA-PATENT"

לאָדז, פּאָלנאַצנאַ 24. טעל. 31-85.

הורט. פאַר רעעלקייט גאַראַנטירט. רעטייל.

אַ הערצליכען ליבען מזל-טוב שיקען מיר אונזערע טייערע ליבע טאָכטער און שוועסטער אסתר לעדערמאַן צו איהר התונה מיט ה' יצחק פרידמאַן, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 26. יוני אין בריסעל (בעלגיען).

מיר ווינשען אייך ליבע קינדער אַ גליקליכע צוקונפט זאָל אַייער לעבען זיין בעצירט מיט רויזען!

אייערע עלטערן

עמנואל און הדס לעדערמאַן,

730 שוועסטער און ברידער.

אַ הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערל. אָנקעל שמואל פרק נ"י ראַפּאַלאָוויטש און פאַמיליע, צו דער חתונה פון זייער ליבע טאָכטער פרל. באַנטשע מיט ה' מענדעל פייגענבלאַט, וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאָג, דעם 26. יוני.

זאָל זייער לעבענס-וועג פערפלאַנצט זיין מיט ברכה והצלחה און אריכת ימים.

732

פנחס זאָנענבערג און פאַמיליע.

„נייער פאָלקסבלאַט“

לאָדז. 27. יוני 1927.

לאָדז. 27. יוני 1927.

די גרויסע טאָג-סענסאַציע אין פּאַריז.

די בעפרייאונג פון לעאָן דאָדע און האָמוניסט סעמאַר פון טורמע.

אין נעכטיגען נומער פון אונזער צייטונג האָבען מיר געבראַכט די סענסאַציאָנעלע ידיעה וועגען אַרויסווערפען דעם פיהרער פון די פראַנצויזישע מאָנאַרכיסטען דאָדע פון דער פּאַריזער טורמע. גאַנץ פּאַריז קאָכט איצט מיט דער סענסאַציע, וואָס קלינגט אויסטערליש, ממש ווי אַ ראָמאַן. מיר ברענגען דאָ די פּרטים פון דער אויסערגעוועהנליכער פּאַסירונג.

אַרום 1 אַ זייגער בייטאָג האָט זיך אַ מאָנאַרכיסט אַריינגעכאַפּט אין אינערן-מיניסטעריום, איינצייטיג האָבען נאָך 11 מאָנאַרכיסטען פערבינדען זיך טעלעפאָניש מיט'ן אינערן מיניסטעריום און אַזוי אַרום ווי אָפּגעשניטען די טעלעפאָנישע פערבינדונג מיט'ן מיניסטעריום. דער אָנגעקומענער מאָנאַרכיסט האָט פערכאַפּט דעם איינציג פרייען טעלעפאָן, זיך פערבונדען מיט דער טורמע-פערוואַלטונג און האָט איבערגעגעבען אַ בעפעהל באַלד צו בעפרייען לעאָן דאָדע און זיין חבר דאַלעסט'ן, ווי אויך דעם קאָמוניסט סעמאַר. כדי צו פערהיטען פון דעמאָנסטראַציעס זאָלען די דאָזיגע דריי אַרעסטירטע באַלד בעפרייט ווערען. גאָך איידער מ'וועט זיך וויסען דעם דערוויסען אין שטאָט. דער טורמע-דירעקטאָר האָט אַפילו זיך געוואונדערט, פאַרוואָס מ'בעפרייט אויך דעם קאָמוניסט, ער האָט אָבער בעקומען אַ תשובה, אַז ס'איז נישט זיין זאַך, און ער זאָל אויספיהרען דעם בעפעהל, וועלכער ווערט איבערגעגעבען דערווייל טעלעפאָניש און שפּעטער וועט צוקומען אויך אַ שריפטליכע מיטטיילונג.

דער פערוואונדערטער טורמע-דירעקטאָר האָט אין אַ פּאָר מינוט אַרום אָנגעקלונגען אין מיניסטעריום, אַזוי ווי אַלע טעלעפאָנען זענען געווען פערנומען, האָט ער בעקומען די פערבינדונג גאָר מיט'ן טעלעפאָן, ביי וועלכען ס'איז געזעסען דער מאָנאַרכיסט. אויף דער אָנפראַגע פון'ם דירעקטאָר צי האָט דאָס מיניסטעריום טאַקע אַרויסגעגעבען די פעראָרדנונג באַלד צו בעפרייען דאָדען און די אַנדערע, האָט ער נאַטירליך בעקומען די תשובה אַז — יאָ.

דער מאָנאַרכיסט ביים טעלעפאָן האָט זיך נאָך אָנגעבייזערט, וואָס ביז איצט איז דער בעפעהל נישט אויסגעפיהרט געוואָרען.

דער טורמע-דירעקטאָר איז דאַן אַוועק אין טורמע-קאַמער און מיטגעטיילט דאָדען, אַז ער איז פריי. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן מיט דאַלעסט'ן. ביידע האָבען זיך דערפרעהט און פון פרייד געוואָרפען זיך קושען דעם דירעקטאָר. ער האָט זיי אַרויסגעפיהרט, אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָ און זיי זענען אַוועקגעפאָהרען.

ווען די ידיעה איז בעוואוסט געוואָרען דער רעגירונג האָט דער טורמע-דירעקטאָר באַלד בעקומען דימיסיע. ער פערטיידיגט זיך, אַז די שטימע פון דעם, וואָס האָט גערעדט ביים טעלעפאָן אין מיניסטעריום איז זעהר ענליך צו דער שטימע פון וויצע-אינערן-מיניסטער סאַראָ, וועלכען ער האָט פיל מאָל געהערט אין פּאַרלאַמענט.

דער קאָמוניסט סעמאַר, וועלכער איז אַן איבעראַשטער אַרויס פון טורמע, האָט ערקלערט פאַר אַ מיטאַרבייטער פון דער האַוואַס-אַגענץ, אַז ער איז געווען שטאַרק פערוואונדערט, ווען דער טורמע-דירעקטאָר האָט איהם פעראָרדנעט אין פערלויף פון אַ האַלבע שעה צו פערלאָזען די טורמע-קאַמער. ער האָט גערעכענט, אַז עס איז אַ רעוואָלטע פון זיין אַפּעלאַציע, און נישט זייענדיג זיכער, אַז די בעפרייאונג איז אַ פאַלשטענדיגע, האָט ער זיך געזעגענט מיט זיינע חברים און די זאַכען איבערגעלאָזט אין טורמע.

די אָנהענגער פון „אַקסיאָן-פראַנסעז“ (מאָנאַרכיסטישע צייטונג, וואָס ווערט רעדאַגירט דורך לעאָן דאָדע) האָבען פאַר דער שפּאַנישער געזאַנדשאַפט איינגעאָרדנעט אַ מאַניפעסטאַציע, בעת דאָרט איז פאָרגעקומען אַ פריהשטיק, וועלכען דער שפּאַנישער קעניג האָט איינגעאָרדנעט פאַר'ן פראַנצויזישען פּרעזידענט דומערג. די מאַניפעסטאַציע איז איינגעאָרדנעט געוואָרען אַלס פּראָטעסט געגען די פראַנצויזישע מיניסטאָרען, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אינ'ם פריהשטיק, פאַרוואָס זיי האָבען אַרעסטירט דאָדע. די פּאָליציי האָט פונאַנדערגעטריבען די דעמאָנסטראַנטען. איינציגע זענען אַרעסטירט געוואָרען.

דער מיניסטאָרען-ראַט האָט בעשלאָסען צו געבען דימיסיע דעם טורמע-דירעקטאָר און איבערגעבען איהם צו אַ דיסציפּלינאַר-געריכט. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די פערשווערונג איז אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט די מינדסטע קלייניגקייטען. פאַר דער טורמע האָט געוואַרט אַן אויטאָ, וואָס איז באַלד פערשוואונדען. דער קאָמוניסט סעמאַר איז פון טורמע אַוועק אין רעדאַקציע פון „ל'הומאַניטע“, דאַן אין זיין וואוינונג און פון דאָרט איז ער פערשוואונדען. אַוועקפאָהרענדיג פון דער היים, האָט ער ערקלערט, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין פרייוויליג אין טורמע נישט אומקומען.

דאָדע'ס פריינד בעהויפּטען, אַז ער וועט זיך וואַרשיינליך אַליין צושטעלען, ווייל מ'רעכענט אַז דעם 14. יולי צום פאָלקס-יו"ט זאָל ער אַמנעסטירט ווערען.

דער יודישער פליהער איבער'ן אָקעאַן.

וואָס עס דערצעהלען וועגען טשאַרלי לעווין זיין פרוי און שוויגער.

די אַמעריקאַנער יודישע בלעטער ווידמען זעהר פיל פּלאַץ דעם יודען טשאַרלי לעווין, וועלכער איז איינאייגעם מיט טשעמבערלען'ען אַריבערגעפלויגען דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן.

מיר ברענגען פון די בלעטער די דערצעהלונג פון לעווינ'ס פרוי וועגען דער טאָט פון איהר מאַן.

פרוי לעווין איז אַ יונגע, בילדשעהנע פרוי. זי 28 יאָהר אַלט, פון מיטעלען וואוקס, מיט אמת שעהנע נעזיכטסציגע, פולע, רויטע ליפּען, גרויסע גרויע אויגען און טונקעל ברוינע האָר, מיט אַ פריינדליכען ליבליכען שמייכעל. זי איז אַנ'עכט יודישע שעהנהייט. איהר שטימע איז אַ קלינגענדע, אַנ'אָנגענעהמע און זי מאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק פון ערשטען בליק.

זי איז בעקאַנט געוואָרען מיט לעווינ'ען, ווען זי איז אַלט געווען 13 יאָהר. פרוי לעווין האָט אויך געוואונען צוויי פּריזען פאַר איהר שעהנהייט.

ביידע עלטערן זענען אַמעריקאַנער געבוירענע, אָבער זיי זענען הייסע-יודען, זיי בעטייליגען זיך אין יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען.

„און אויך מיין מאַן איז שטאָלץ מיט זיין יודישקייט“, האָט פרוי לעווין ערקלערט, „ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט צו פערבאָרגען עס, און האָט זיך ענטזאָגט אַפילו צו ענדערען זיין עלטיודישען נאָמען. ער רעדט גוט יודיש און איז אַ הייסער יוד. ער איז רעליגיעז און נעהמט אַנ'אָנטייל אין יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען. ער איז אַ דירעקטאָר אין דעם ברוקלינער שפּיטאָל און פיל אַנדערע וואָהלטעטיגע אַנשטאַלטען.

„איך האָב קיין שום אַהנונג נישט געהאַט, אַז מיין מאַן קלייבט זיך פליהען קיין אייראָפּא. מיט קיין איין וואָרט, קיין איין מינוט האָט ער דאָס נישט אַרויסגעצייגט, דערצעהלט די פרוי.

איך האָב איהם לעצטען דאָנערשטאָג געפרעגט ווער איז דער צווייטער לופט-פליהער, וואָס וועט פליהען מיט טשעמבערלען, האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט פון ענטפערן. ער האָט ערקלערט, אַז עס איז אַ סוד.

„פרייטאָג פאַרנאַכט האָב איך פערבראַכט מיט אַ בעקאַנטען. ער האָט צו מיר אויף שפּאַס אַ זאָג געטאָן: „אפשר וועט גאָר טשאַרלי מיטפאָהרען מיט טשעמבערלין'ען“? און איך האָב איהם געענטפערט מיט אַ שפּאַס: „אפשר“.

„איך האָב דאַן גאָר נישט געקענט זיך פאָרשטעלען, אַז מיין שפּאַס וועט פערווירקליכט ווערען“, האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

„מיר האָבען פרייטאָג פערבראַכט אין פּענסילווייניא האָטעל, ניו-יאָרק. מיין מאַן האָט מיך אויפגעוועקט אַרום האַלבע נאַכט און מיר זענען ביידע אַוועקגעפאָהרען אויף רוזוועלט פעלד. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די „קאָלאָמביא“ וועט נאָך היינט פּרובירן אַרויסשפּרינגען“ (...)

ווער איז דער צווייטער לופט-פליהער? בין איך ווידער צוגעשטאַנען צו איהם.

— וועסט שוין זעהן — האָט ער גענטפערט מיט אַ געהיימניספולען שמייכעל.

אָבער איך האָב נאָך אַלץ נישט פערדעכטיגט קיין זאַך.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפ'ן רוזוועלט פעלד איז שוין לעבען עראָפּלאַן געווען פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם. טשאַרלי איז אַוועק רעדען מיט טשעמבערלין'ען. איך האָב זיך נישט געוואָלט שטופּען אין עולם און בין געבליבען פון הינטען און געשמועסט מיט מיינע פריינד אין אַנ'אויטאָמאָביל.

פּלוצלונג האָב איך דערזעהן ווי טשאַרלי קריכט אַריין אין עראָפּלאַן. די פאָטאָגראַפיסטען נעהמען בילדער. איך בין צוגעקומען נעהנטער.

„וואָס איז דאָס טשאַרלי?“ האָב איך געפרעגט.

סענאַטאָר לאַקוואוד, אונזער אַ פריינד, האָט מיך בערוהיגט: „טשאַרלי וויל אויספּראָבירען דעם עראָפּלאַן איידער ער וועט אַוועקפליהען אויף דער לאַנגער רייזע“, האָט סענאַטאָר לאַקוואוד מיר פערזיכערט.

דער עראָפּלאַן האָט זיך געלאָזט פליהען אויף דעם פלאַכען וועג און געגומען אויפהויבען זיך.

מיין גאָט! האָט קאַריסי אויסגעשריען צו מיר: זעה נאָר, מר. לעווין פליהט דאָך אַוועק!

איך האָב נאָך אַלץ נישט בעגריפען וואָס דאָ קומט פאָר. פּלוצלינג זעה איך ווי דער עראָפּלאַן לאָזט זיך ווידער אַרונטער און גיט זיך אַ דרעה צוריק. איך האָב געמיינט, אַז דאָס לאָזען זיי זיך שוין אַרונטער.

קאַריסי האָט מיר אָנגעוויזען, אַז זיי האָבען אויסגעקירעוועט דעם עראָפּלאַן אום נישט צו פערטשעפּען אַ פּאָליציאַנט, וועלכער איז געווען אין געפאַהר איבערגעפאָהרען צו ווערען.

און דאַן האָט זיך פאַר מיר ענטפּלעקט דער גאַנצער אמת, טשאַרלי פליהט אַוועק אויף דער געפעהרליכער רייזע איבער'ן ים. טשאַרלי האָט פערבאָרגען פון מיר דעם אמת, ער פליהט דאָך אַוועק. מעגליך אויף שטענדיג...

איך האָב זיך געלאָזט נאָכלויפען נאָכ'ן עראָפּלאַן און רופען מיין מאַן, ער זאָל זיך צוריקקעהרען, אָבער די מאַשין האָט גענומען פליהען און איז שנעל אַוועק אין דער הויך.

און דאָ האָב איך געחלש'ט. ווען מ'האָט מיך אָפּגעמינטערט, האָב איך נעבען זיך דערזעהן אונזערע פריינד. מרס טשעמבערלין האָט מיך אַרומגענומען און געזוכט צו בערוהיגען און צוגעבען מוט.

סענאַטאָר טשאַרלס לאַקוואוד האָט מיר איבערגעגעבען אַ בריוועלע פון מיין מאַן. דאָס בריוועל איז געשריבען אין זעהר אַנ'אינטימער צערטליכער שפּראַך, איך קען אייך נישט דערצעהלען דעם אינהאַלט. איך קען אייך בלויז זאָגען, אַז מיין מאַן ענטשולדיגט זיך פאַר מיר, פאַרוואָס ער האָט פון מיר פערבאָרגען זיינע פּלענער צו פליהען קיין אייראָפּא און איהם טוט לייד, וואָס ער האָט מיר פערשאַפט אַזוי פיל צער, און ער האָפט זיך צו זעהן מיט מיר איינגיכען.

איך בין שטאָלץ מיט איהם. זעהר וועניג פרויען קענען זיך מיט מיר פערגלייכען. איך בין שטאָלץ אויף מיין העלדישען מאַן, אָבער...

*

מרס. פּאַולין גאָווא, לעווינ'ס שוויגער האָט זיך אויסגעדריקט פאַר'ן „פאָרווערטס“-רעפּאָרטער, אַז טראָץ דער גרויסער כבוד, וואָס שמעקט מיט אָט דער רייזע, איז זי הכנסט צופרידען, וואָס איהר איידים האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער געפעהרליכער רייזע.

— פאַר אייך מעג איך דאָך דערצעהלען דעם אמת. איהר זייט דאָך אַ יוד — האָט זי זיך פערטרויט פאַר מיר — די צייטונגען האָבען די גאַנצע צייט געמאַכט פון טשאַרלי'ן אש און בלאָטע. טשאַרלי האָט געהאַט צרות מיט בערטאָ'ן, דער צווייטער לופט-פליהער, וועלכער האָט געוואָלט פליהען מיט טשעמבערלין'ען. האָבען אַלע געמיינט, אַז לעווין איז אַ געלד-גייציגער מענש, אַ „שיילאָק“. ער דינגט זיך מיט בערטאָ'ן איבער די פּאָר דאָלאַר. אָבער דאָס איז נישט אמת. ער איז רייך גענוג, און האָט זיך געלאָזט קאָסטען מעהר געלד פאַר די אויסגאַבען פון דער רייזע, איידער די פּראָפיטען פון דער רייזע וואָלטען אַריינגעבראַכט. ביי איהם איז עס דאַן געווען אַ פראַגע פון פּרינציפּ. אָבער איצט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרויסגעצייגט אַלס אמת'ער ספּאָרט-מאַן מיט אַ סך מוט און קוראַזש, זעהען שוין אַלע איין, אַז ער איז נישט אַזוי געלד גייציג ווי מען האָט געמיינט, און אַז דאָ האָט זיך נישט געהאַנדעלט וועגען געלד. און טשאַרלי איז געווען דער גערעכטער די גאַנצע צייט“.

Dr. Z. Rakowski

ספּעציאַליסט פאַר אויערען-, נאָז, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטען.

קאָנסטאַנטינאָווסקאַ 9 טעלעפאָן 27-81

פערשפּרעכשטונדען פון 12 ביז 2 און פון 5 ביז 7. נעמט אויך אָן אין לאָמשניצע זגערושער 17 פון 10—11 און נ.מ. פון 2—3

דאָס שפּילען זיך

אין מלחמה-ושעסטען.

אַ גרויסען ערפאָלג האָט די וועלט דערגרייכט נאָך דער גרינדונג פון דעם פעלקער-בונד! עס איז פשוט אַ וואונדער וואָס מיר האָבען נישט יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג קיין נייע מלחמה. ווייל נישט וועניגער ווי צוויי מאָל אַ וואָך איז דאָ „אַ גוטע געלעגענהייט“ פאַר אַ שטיקעל מלחמה.

אין איטאַליען הערשט אַ פאַשיסטישער רעזשים און אין דער שפּיץ פון דעם גליקליכען לאַנד שטעהט דער דיקטאַטאָר מוסאָליני. מען האָט איהם שוין עטליכע מאָל געגעבען צו פערשטעהען, דעם דאָזיגען ענערגישען און היציגען פּאָליטיקער, אַז ער מעג זיך טון אין איטאַליען וואָס ער וויל, אָבער נישט אין אויסלאַנד. מיט אַ קורצער צייט איידער מען האָט ענטדעקט אין פראַנקרייך דעם פּראָוואָקאַטאָר גאַריבאַלדי, זיין פריינד און מיטהעלפער, האָט מוסאָליני געהאַלטען עטליכע זעהר שאַרפע רעדעס געגען פראַנקרייך. מוסאָליני איז געוואָקסען מיט עפּעס אונצופרידען — האָט ער זיך אָהן שום ווייטערע רייד אַוועקגעשטעלט און גענומען העצען. מיט צוויי יאָהר צוריק האָט ער אַרויסגערופען אַנ'אמת'ען מלחמה-קאָנפליקט אין גריכענלאַנד. אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע ח"שים איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָנפליקט צווישען איטאַליען און יוגאָסלאַוויען, וואָס האָט נישט ווייט פון אַנ'אָפענער מלחמה.

די דאָזיגע אינטערנאַציאָנאַלע „פּאָליטיק“ דויערט ווייטער. בעליידיגט פון דעם וואָס עמיל וואַנדערוועלדע, דער בעריהמטער בעלגישער סאָציאַליסטען-פיהרער און היינט דער אויסערן-מיניסטער פון בעלגיען, האָט זיך נישט געניגענד אויסגעדריקט וועגען דעם פאַשיסטישען איטאַליען, האָט מוסאָליני איצט אָפּגערופען דעם איטאַליענישען באָטשאַפטער פון בריסעל און מודיע געווען, אַז קיין נייער באָטשאַפטער וועט נישט בעשטימט ווערען. דאָס איז נאָך נישט קיין איבערבייס פון דיפּלאָמאַטישע פערבינדונגען, אָבער עס איז אַנ'אַקט וואָס איז זעהר נאָהענט דערצו. עס בעדייט פּאַקטיש, אַז די צוויי לענדער זענען „גרייט“ צו אַלע מעגליכע געשעהענישען...

אַמאָל האָט מען אַזאַ מין אַקט בעטראַכט נישט אַנדערש ווי דעם אָנהויב פון אַ מלחמה און נאָר אַלט דעמאָנסטראַציע צו בענוצען עס האָט קיינער גאָרנישט געוואָגט. איצט איז דאָס געוואָרען צו אַנ'אַלטעגליכען זשעסט און מאַכט שוין אייגענטליך נישט קיין גרויסען איינדרוק: בוס, ווען יאָ זיין אַ מלחמה; מיט איין מלחמה מעהר אָדער וועניגער — וואָס פאַר אַנ'אונטערשיד...

דער פאַל מוסאָליני-וואַנדערוועלדע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם הפקר פון דער היינטיגער צייט. ער בעווייזט אייגענטליך, אַז וויפיל מען זאָל זיך נישט וועלען בערוהיגען, איז עס פאָרט אַ פאַקט, אַז די לאַגע פון די פעלקער געפינט זיך אין אַ גרויסער געפאַהר.

ו. גראָסמאַן.

Dr. med.

EYCHNER Jakób

Aleja 1-go Maja 16,

Telefon 11-24

אינערליכע- און קינדער-קראַנקהייטען.

נעמט אָן פון 6–7, זונטאָג פון 3–4

Dr. St. HEINRICH

ספּעצ. פאַר קינדער- און אינערן-קראַנקהייטען.

פּאָמאָרסקאַ 10, טעל. 47-67

מאָטאָגאַגס פון 4 ביז 6 נאָכמיטאָג, אויך אין זשאַכאָוויק אין דער

Willa Sokołowskiego

obok dworca.

נייער פאלקסבלאט
27 יוני 1927.

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט
27 יוני 1927.

27
מאנטאג
כז
סיון תרפ"ז

יוני
זון-אויפגאנג 3.41
זון-אונטערגאנג 7,25
לענג פון טאג 14, 12

די וואהלען צום ציוניסטישען לאנדס-צוזאמענפאהר.

נעכטען זענען פארגעקומען די וואה-לען צום 8 לאנדס-צוזאמענפאהר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען. ס'זענען ארויסגעשטעלט געווא-רען 2 ליסטעס: ליסטע נומער 1 פון „עת לבנות" און ליסטע נומער 2 פון די ראדיקאלען און רעוויזיאניסטען. די בעטייליגונג איז געווען א גאנץ אקטי-ווע. וואהלרעכט האבען געהאט נישט אלע שקל-צאהלער, נאר בלויז דעקלא-רירטע מיטגלידער פון דער ציוניסטי-שער ארגאניזאציע. ס'זענען געוועהלט געווארען 7 קאנדידאטען פון דער ליס-טע 1 די ה"ה: סענאטאר ד"ר ברוידע, דעפ. ד"ר ראזענבלאט, מ. פלאטא, י. גוטערמאן, ב. גוסער, לאוויק א. יאפל פרוי קאצענעלענבויגען.

פון דער ליסטע נומער 2 די ה"ה: דעפ. י. גרינבוים, ה. טילער און מארגוליעס. אלס פערטרעטער פון דער ליסטע 1 — די ה"ה: וועגמייסטער, שטעפעלהאף, פרוי קלארא לאנגע, רעד. ע. האמבורסקי, א. שאפירא, א. י. ברזעזינסקי און בראקאוויטש; פון דער ליסטע 2 — די ה"ה זאנדבערג, גליבטער און הערשקאוויטש.

ראיאן-קאנפערענץ פון „צעירי אגודת ישראל".

נעכטען איז אין לאקאל פון דער אגודה (דזשעלנא 11) פארגעקומען א ראיאן-קאנפערענץ פון די „צעירי אגודת ישראל" פון די וואיעוואדזטוועס ווארשא, לאדז און לובלין.

צו דער קאנפערענץ זענען געקומען 37 דעלעגאטען פון 15 שטעט צוו. אגד. אויך די מיטגלידער פון דער צענטראל ה' בערלינער פון ווארשא און שווארצ-מאן פון שעדלעץ.

די קאנפערענץ האט געעפענט רעד. ה' פרידענזאהן, נאכ'ן בעשטעטיגען די טאג-ארדנונג זענען געהאלטען געווא-רען בעגריסונגען צוו. אגד. א שריפט-ליכע בעגריסונג פון סענאטאר מאנדעל-סאן און ס'זענען אפגעגעבען געווארען בעריכטען פון ווארשא, ראדאמסק, לענטשיץ, קוטנא, זגערוש, טורעק, קלא-דאווע, בעלכאטאוו, פאביאניץ, לאסק, שעראדז, אלעקסאנדער, זשארקאוו. נאך די ופוחים זענען געהאלטען געווארען רעפעראטען וועגען קולטורעלע אויפגא-בען, (ה' בערלינער) פראפאגאנדע און פרעסע, (ה' פרידענזאן) וועגען ארגא-ניזאציע, (ה' פעלדפעבל). אויף דער אווענד-זיצונג זענען אנגענומען געווא-רען רעזאלוציעס און ס'זענען פארגע-קומען וואהלען פון א ראיאן-קאמיטעט.

שחיטה, בורזשעט, אוהל פון ראדאשיצער רבי'ן זצ"ל אויף עלעקטריש-בעלייכטונג אויפ'ן בית-עולם.

די דאזיגע פראגען האט נעכטען בעטראכט די קהלה-פערוואלטונג.

דעלעגאציעס.

(—) נעכטען זענען אין דער קהלה-פערוואלטונג געקומען עטליכע צאהלדיגע ראדאגאשטשער יודען, וועלכע האבען פערלאנגט פון דער קהלה פערוואלטונג צו בעשטימען דעם זוהן פון פערשטאר-בענעם רב לאסקי, אלס מורה-הוראה אין ראדאגאשטש. דער יונגער רב ר' שמואל דוד לאסקי איז געוועהלט-גע-ווארען אלס רב אין סאמפאלנע, ווייל דער דארטיגער רב איז געוועהלט-גע-ווארען אלס רב אין בלאשקי. די דע-לעגאציע פערלאנגט, אז די קהלה זאל בעשטימען דעם זוהן פון ראדאגאשטשער רב אלס צטאטאווען מורה-הוראה, כדי ער זאל נישט דארפען פערלאזען ראדאגאשטש.

די דעלעגאציע האט זיך ארייננעריסען אין זיצונגס-זאל און נישט געלאזט עפע-נען די זיצונג פון דער פערוואלטונג. נאך לאנגע ממטערנישען זענען זיי ארויס פון זיצונגס-זאל און די זיצונג האט זיך אנגעהויבען.

א צווייטע דעלעגאציע איז געקומען פון די ראדאשיצער חסידים. זיי פער-לאנגען פון דער קהלה אויסצופיהרען דעם פסק פון דער דין-תורה, וועלכע זאל האבען צוגע'פסק'נט, אז אויפ'ן אוהל פון ראדאשיצער רבי'ן זצ"ל זאל אפגעגעבען-ווערען א שטח פון 32 אויף 32 איילען.

דער פרעזעס רוס האט זיי צוגעזאגט, אז די פראגע וועט בעטראכט ווערען אויף דער זיצונג און אויך די דאזיגע דעלעגאציע איז געבליבען ווארטען, ביז זייער ענין וועט בעהאנדעלט ווערען.

די זיצונג

הויבט זיך אן ארום האלב 1 א זייגער ביינאכט.

ביים אנהויב פון דער זיצונג האט דאזאר קארא ארייגעטראגען פאלגענדע פארשלאגען: אז יעדען חודש זאל אפ-געגעבען ווערען א קאסע-בעריכט; די איינלאדונגען צו די זיצונגען זאל ענט-האלטען די גענויע טאג-ארדנונג און זאלען זיין אין אלע דריי שפראכען; יעדער פארשלאג דארף איבערגעגעבען ווערען צו א קאמיסיע און רעפערירט-ווערען אויף דער זיצונג פון דער פער-וואלטונג. און אז אויף יעדער בעשטע-לונג, וואס בעטרעפט איבער 100 זל. זאל ערקלערט-ווערען א קאנקורס.

די פארשלאגען וועלען בעטראכט-ווערען אויף דער נאהענטסטער זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג.

דער פארזיצער טיילט דאן מיט, אז ס'איז שוין פערטיג דער בילאנס פאר'ן יאהר 26 וואס וועט פונאנדערגעשיקט ווערען צו אלע פערוואלטונגס-מיטגלי-דער און וועט קאנטראלירט ווערען דורך א ספעציעלער קאמיסיע פון זגכ קענער.

ס'ווערט מיטגעטיילט, אז דער רע-גירונגס-קאמיסאר האט אנגעפאדערט די קהלה פערוואלטונג, זי זאל איבער-נעהמען די שחיטה און זאל אויסנוצען צו וועלכען טערמין זי וועט קענען דעם ענין דורכפיהרען.

ס'ווערט בעשלאסען צו ענטפערען, אז די קהלה מאכט שוין די פארבערייטונגען, זאמעלט מאטעריאלען דערצו, און אזוי ווי דער ענין איז א קאמפלי-צירטער און פאדערט פיל ארבייט, קען דער טערמין נישט פעסטגעשטעלט ווערען.

ס'ווערט גענומען צו קענטניס, אז פון דער לייפונג פון 28. פולק און פון אפיצירען-קארפוס איז אנגעקומען א דאנק פאר דער קהלה פאר דער בעגריסונג צום יו"ס, וואס דאס פולק האט ג"האט ביים איינווייהען די נייע פאהן.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס די עלעקטראווניע האט מכח □ געווען צו צופיהרען דעם קאבעל אויף א"ה חשבון, ביז צום טויער פון בית עולם, איז גע-שלאסען געווארען צו פערעפענטליכען א קאנקורס אויף איינצופיהרען בעלייכ-טונג אויפ'ן בית עולם. נאכ'ן ערלעדיגען א רייהע קלענערע פראגען, איז מען צו געטרעטען צו דער פראגע וועגען אוהל פון ראדאשיצער רבי'ן. די אנהענגער פון ראדאשיצער רבי'ן פאדערען, אז די קהלה זאל נאכקומען דעם פסק פון דער דין-תורה און אפגעבען פאר'ן אוהל א פלאץ פון 32 אויף 32 איילען.

די קהלה-פערוואלטונג האט פעסט-געשטעלט, אז דער פסק איז נישט ארויס-געטראגען געווארען דורך א ד"ת, אז קיינער מצד דער קהלה-פערוואלטונג איז דערביי נישט געווען און דעריבער איז די בעשטימונג פאר דער קהלה נישט פערפליכטעט.

די פערוואלטונג האט מכים געווען דעם סכסוך איבערצוגעבען צו דער בע-שטימונג פון א ד"ת און מצד דער ה"ח דעלעגירט דעם דאזאר ג. ניימאן. דער-מיט איז די זיצונג געשלאסען געווארען.

הכנות צו די נייע וואהלען פון דער ק.-קאסע.

ערקלערונגען פון פרעזעס ה' קאלושינסקי.

ראטמאן האלענדערסקי האט אינטער-ווענירט ביים פרעזעס פון קראנקען-קא-סע ה' קאלושינסקי וועגען עפענטליכען בריף פון די יודישע אקושערקעס. ה' קאלושינסקי האט ערקלערט, אז דער ענין געהערט נישט דירעקט צו דער קראנקען-קאסע, נאר צום פעראיין פון די אקושערקעס. ער האט אבער צוגע-זאגט צו אינפערווענירען אין פער-איין און נעהמען שטעלונג צו דעם ענין.

ראטמ. האלענדערסקי האט זיך אויך אינפארמירט וועגען גאנג פון די פאר-בערייטונגען צו די נייע וואהלען אין דער קראנקען-קאסע און וועגען צוזא-מענרופען א זיצונג פון ראט פון דער קראנקען קאסע.

ה' קאלושינסקי האט ערקלערט, אז הגם ס'זענען געווען קלאגען אז די וואהלען וועלען אפגערופען ווערען, איז אזא פעראָרדנונג ביז איצט נישט דער-האלטען געווארען און די פארבערייטונ-גען צו די וואהלען ווערען ווייטער גע-מאכט, הגם אין א לאנגזאמען טעמפא.

די זיצונג פון ראט איז ביז איצט נישט צוזאמענגערופען געווארען ווייל דער בילאנס איז נישט געווען פערטיג א צ"ו, ווען דער בילאנס איז שוין פער-טיג, זענען זיך די ראט-מיטגלידער שוין פונאנדערגעפאהרען און די זיצונג וועט פארקומען ערשט ארום אויגוסט.

צום סוף האט ה' קאלושינסקי מיט-געטיילט, אז אויף בענעדיקטא ווערט געעפענט א נייע צענטראל-אפטייק פון דער קראנקען-קאסע. די אפטייק אויף פעטריקאווער 17 וועט סקאסירט ווערען און דארט וועלען איינגעארדנעט ווערען נייע אויפנאהמס צימערען פאר קומענ-דע קראנקע.

נעכטיגער טורן-פעסט פון די ספארט-גרופען ביי „טאז".

לאנג האט געדויערט ביז ס'האט זיך איינגעגעבען איבערצייגען די יודישע בעפעלקערונג וועגען דער נויטיגקייט צו דערהאלטען דאס געזונד און מוט דורך פיזישע ענטוויקלונג.

אבער א צייט לאנג איז דאס טורנען און ספארט בעטראכט געווארען אלס א בורזשואזער ענין און די יודישע אר-בייטער-מאסען האבען דערצו קיין שום שייכות נישט געהאט. ענדליך איז די אידעע פון דער פיזישער ערציהונג אריינגעדרונגען צווישען אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג און דאס טורנען ווערט געפלעגט אומעטום אויף זיין שמייגער.

די ספארט - און טורן סעקציע ביים „טאז" איז נאך פערהעלטנישמעסיג יונג, אבער די סעקציע איז ארייגעפאלען אין זעהר גוטע הענד. פון איין זייט איז דער „טאז" זעהר א רירעוודיגע און ענערגישע אינסטיטוציע, וועלכע האט פערשטאנען, אז דורכ'ן שאפען די אר-בייטער-ספארט-קלובען, טוט זי א גרוי-סע שטיק ארבייט פון איהר פראגראם פון אפהיטען דאס געזונד פון דער יו-דישער בעפעלקערונג, מ'קען פערזיכע-רען, אז פון די 250 ארבייטער און אר-בייטערינס וואס זענען נעכטען אויפ-געטרעטען אויפ'ן העלענאוו-פלאץ וועט קיין איין איינציגער נישט זיין קיין קאנ-דידאט אין דער שווינדזוכט-סעקציע פון „טאז".

פון דער אנדערע זייט ווערט די טורן סעקציע אנגעפיהרט דורך פראפ. זיידע, וועלכער איז ביים היינטיגען טאג דער בעסטער יודישער אינסטרוקטאר. די סעקציע האט דעריבער אלע מעגליכ-קייטען פון ענטוויקלונג און דאס האט זיך טאקע ארויסגעוויזען בעת'ן נעכטי-גען אויפטריט.

דער אלגעמיינער איינדרוק פון דעם נעכטיגען טורן פעסט איז א זעהר בע-פרידיגענדער. ס'איז אמת נישט פער-האן דער גרויסער טאראראם און קינסט-ליכע התלהבות, וואס ווערט ארויסגע-רופען געוועהנליך ביי אזעלכע געלע-גענהייטען. פארדאס האט מען געזעהען די ערנסטקייט און איבערגעבענהייט פון די אנטיילנעהמער אינ'ם פעסט און פון זייערע אנפיהרער.

נאך איין ענין איז כדאי צו בעמער-קען; אין אלע איבונגען, וואס זענען נעכטען אדורכגעפיהרט געווארען זעהט מען בולט, אז פראפ. זיידע האט נישט געהאט אין זינען קיין „קונצען" אדער „שעהנע שטיקלעך" נאר אין אלע אי-בונגען ווערט בעטראכט וועגען דעם מאקסימום פון נוצען, וואס די איבונ-גען קענען געבען דעם, וואס פיהרט זיי אדורך, ס'איז נישט קיין שפיל אויף „ווישטשיגעס" אדער רעקארדען, נאר איבונגען צו בעקומען, וואס מעהר גע-זונד און וואס גלייכער דעם רוקען.

ווען די איבונגען אויף די מכשירים זענען א ביסעל שוואך, זענען אבער די אלגעמיינע פריי-איבונגען, דער פרויען-טאנץ, גרופען-פריי-איבונגען א. א. וו. מוסטערהאפטע און ערנסטע לייסטונגען, א בעזונדער אויפמערקזאמ-קייט דארף געלעגט ווערען אויף די פריי-איבונגען, וואס ווערען אדורכגע-פיהרט לויט בוק'ס סיסטעם. דער דא-זיגער סיסטעם איז ווי געשאפען גע-ווארען פאר עלטערע ארבייטער מער-נער, וועלכע שטעהן דורך די דאזיגע איבונגען געזונד מיט לאפאטעס. נאר איין שאד, וואס פראפ. זיידע האט גע-געבען די ערשטע טורנער-גרופע א צו גרויסע פארציע אויף איין מאל.

זעהר פיין איז אויסגעפאלען דער שטאפעטען-לויף (160 אויף 4) און דער האנד-באל מעטש.

דער נעכטיגער אויפטריט פון די ארבייטער-ספארט-גרופען איז געווען פיל מעהר ווי 10 אגיטאציאנס-מיטינגען פאר דערהאלטען דאס געזונד פון די יודישע ארבייטענדע בעפעלקערונג.

אין די אפטייקען.

היינטיגע נאכט-דיזשורען.

(§) היינט מאנטאג דעם 27-טען יוני דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: וואַ-ניצקי (גאפיורקאווסקא 27) דאניעלעצקי (פיעטריקאווער 127), אלניצקי און צי-מער (וואולטשאנסקא 37), ליינוועבער (פרייצער פלאץ 2), י. הארטמאן (מלי-נארסקא 1a), ה. קאהאנע (אלעקסאנ-דראווסקא 82).

Zapisujcie się
na członków Ligi Obrony
Powietrznej Państwa.

קליינער פעליעטאן.

האלט ס'מויל...

עס טרעפט אפט ביי א גוסס, ווען ער הויבט אן אפצושטארבען, ווערט א געשריי און א טו-מעל פון די בני-בית, און אמאל שרייט מען אפ דעם קראנקען אויף א פאר שעה. אט אזא מין געשריי און טומעל האבען די סוחרים אויפגעהויבען מיט א פאר חדשים צוריק, ווען דער מיניסטער האט געוואלט איינפיהרען טע-לעפאן-ליטשניקעס, און מ'האט איהם טאקע אפגעשריען דעם מיניסטער בנוגע די טעלעפאן-„ליטשניקעס", אבער איצט איז לעת-עתה בטל גגזרה, אזוי איז אנגע'חתמ'עט געווארען, ואין להרהר אחרי מעשי המיניסטער כלום. אוים מיט „גלאט רעדען אין דער וועלט אריין" און ווילסטו יא רעדען, טא בעצאהל ברודער, ווי שטעהט דאס אין דער הגדה טלה—בסלע. און פאר יעדען מאל רעדען דורכ'ן טעלעפאן וועט יעדער עהרליכער סוחר מוזען מאכען זיין בי-לאנס וזעהן ווי האלט ער עפעס אין דער וועלט, צי קאן ער זיך ערלויבען צו רעדען דורכ'ן טעלעפאן, אדער נישט, הכלל דער עולם וועט נישט נאר דארפען לעבען מיט חשבון, נאר אויך רעדען מיט חשבון...

נו איז ווי מיר האבען שוין פון אלע זייטען ארומגערעדט דעם ענין הייסט דאס, אז רעדען דורכ'ן טעלעפאן וועט זיין א יקר המציאות נישט יעדער בשר ודגים וועט זיך דאס קאנען ערלויבען און בכילא וועלען דאך פערשוויגען ווערען א סך געשפרעכען, וואס ביי נארמאלע בעדינגונגען, וואלטען זיי יא ארויסגעזאגט געווארען, הגם אין דער אמת'ן איז גלייכער, אז מ'זאגט זיי נישט...

און איך זאל זאגען, אז דער מיניסטער האט זיך דורך אזא דעקרעט געקויפט גוטע פריינד, נייןדאס קאן מען נישט זאגען, זעהט איהר, ווען איך וואלט געווען מיניסטער און איך וואלט געדארפט אונטערשרייבען אזא פעראָרדנונג וואלט איך דאס געמאכט אגיל ואשמח'דיגער, איך וואלט נאך צוגעשריבען א שטיקעלע בעמערקונג אזוי, אז דער עולם וואלט פאר'ן איינפיהרען די „ליטשניקעס" טאקע געדרעהט אויף מיר אביסעל מיט דער נאז, דערפאר וואלטען זיי פאר מיין בעמער-קונג מיר ועחר דאנקבאר געווען, מיט מיין בעמערקונג וואלט איך אויסגעהיט א סך מענשען פון חלשות, פון הארץ-שוואכקייט, פון קרעפס, פון טרודין און נאך כמו אומל-בענע חולאת'ן...

און מיין בעמערקונג וואלט זיך אומגעפעהר אזוי געלעיענט: אלע דרשה-זאגער, פארשלאג-געבער און סתם רעדנער וואס דער נאר שטופט זיי צו האלטען רעדעס, הן אין דער יודישער גמינע און הן אין שטאט-ראט, אין די סוחרים פעראיינען און אלע אנדערע קיין עין-הרע זוויאזקיעס, וואס וואלט געדויערט א פאר וואכען איך זאל זיי דא אלעמען אויפרעכענען, איז די אלע רעדנערס מוזען איבערגעבען זייערע געשפרעכען דורכ'ן טעלעפאן... וואסער-דיגע ארטיקלען שלעכטע און פעליעטאנען מוזען איבערגעגעבען ווערען דורכ'ן טעלעפאן... וויבער זאלען בעטען געלד ביי די מענער דורכ'ן — טעלעפאן... דאקטוירים, ווען זיי קומען זיך צונויף אויף א קאנסיליום, זאלען זיי פריהער זייערע פריוואט-געשפרעכען צווי-שען זיך פיהרען דורכ'ן — טעלעפאן... און דער עיקר די טעלעצאן-מעדלעך, ווען מ'בעט זיי פערבינדען מיט א נומער, זאלען זיי דאס באלד טון און זייערע פריוואט-געשפרעכען, וואס זיי האבען דארטען צווישען זיך, זאלען זיי זיך אויך דורכשמועסען דורכ'ן — טעלעפאן.

שר של אש.

פון יודישען טעאטער.

פון שבת אן גאסטראלירען אין זאל פון „פילהארמאניע" די אמעריקאנער געסט אננא און היימאן יאקובאוויטש. דורך די פאר פארשטעלונגען האבען זיי זיך בעליבט געמאכט ביים לאדזער טעאטער-עולם. „די גרינע כלה", וואס ווערט דורך זיי געשפילט, פערמאגט אין זיך שעהנע הארציגע מוזיק און פרעהליכע געזאנגס-נומערן, ווי אויך שעהנע טענץ אויסגעפיהרט דורך אננא יאקובאוויטש.

היינט, מאנטאג, ווערט געשפילט צו פאפולערע פרייזען די „גרינע כלה".

פון שבת אן ווערט דורך די אמערי-קאנער געסט אויפגעפיהרט א נייער שלאגער, וואס איז אין לאדז נאך נישט געשפילט געווארען.

נדבות.

פון א פערשפילטען וועט ביים סטו-דענט יורי ה' צ. גיט Xy 5 זל. פאר דער בארכאוו-שול.

דאס געלט איז אפצונעהמען אין אד-מיניסטראציע פון „נ. פאלקסבלאט".

ארום נײַעם האַנדווערקער־האַנדעל און אינדוסטריע־געזעץ

כּללים װעגן עפענען אינדוסטריע־אַנשטאַלטן אָדער פאַבריקען

אויף יעדער פון די אויסגערעכנטע אין דער דריטער גרופּע אונטערנעמונגען (לויט ג. פּ. פון 21 ד. ח.) מוז מען אומבעדינגט האָבן אַ קאָנצעסיע.

די אינדוסטריע־אַנשטאַלטן, וועלכע געפינען זיך אין ספּעציעלע בנינים, לאָקאַלן, אָדער ווערן געפירט אויף אַן אַנדער שטענדיג זיך אָרט, אַלץ איינס, צי זיי ווענען פאַרזעהן מיט מאַשינען אָדער מיט אַן אַנדערע ספּעציעלע אײַנריכטונג, קוים באַניצן זיי זיך מיט ספּעציעלע קעסלען, אָדער מיט מעכאַנישע טרייבקראַפט, קוים בעדראָהט דער אַנשטאַלט צוליב זײַן לאַגע אָדער טעטיגקייט אין אַ באַדייטענדער גראַד דער עפנטליכער זיכערקייט, און קוים צוליב דאָס לעבן און געזונט פון די שכנים, אָדער קען זיי פאַרשאַפן שאָדענס און באַלעסטיקען צוליב גערויש, ריח א. אַ. מוזן פריהער האָבן אַ באַשטעטיגטן דורך דער אינדוסטריע־מאַכט פּלאַן.

אויב ס'האַנדלט זיך וועגן אַפּרעטורן, וועב־דרוקערײַען, פאַרבערײַען, סאָרטאָרוניעס פון וואָל און שמאַטעס, קעלך־אייוונן, גיפּס און אַלאַבאַסטער־ריינערײַען. גלאָז־הוטן, אויסאַרבייטונג פון קרישטאָלען, שפּיגלען, קאַפּישוק, גומי־אַרטיקלען און צעראַטע, קאָכען סמאָלע און אַספאַלט, אויסאַרבייטונג פון פעטע דעסטילאַציעס, פון קוילען, טאָרף, בוים־זאַפט (אולאַגע) אויסאַרבייטונג פון וואַזאַלין, זאַלץ זײַערע, זאַפּט און שוועבעל־זײַערע, קינסטלעכע מיסטיגנגען, כעמיקאַלען און כעמישע לאַבאַראַטאָריעס, די אויסאַרבייטונג פון צעלאָזי, צעלולאָידע, און צעלולאָיד־אַרטיקלען, שפּעפּען, שיס פּולווער, קינסטלעכע פײַערן, אויסרייס און אײַנצינד־מאַטעריאַלן; אַנשטאַלטן אויף איבעראַרבייטן אייל, טאַקאָס, לאַגער פּאַרעטן, בײַנער, טריקענען באַזאַלצענע רויע־הײַל, לעדער און פוטער אויסאַרבייטונג און פאַרבן זיי, שחט־הײַזער, חלב־צילאָזען, פאַרבערענען סאָדע, גאַרבערײַען; די אויסאַרבייטונג פון קאַרטאָפעל־סירופּ, אײַזן און מעטאַל־גיסערײַען, מעכאַנישע שמידערײַען, שמאַל־פאַבריקען און וואַלדאַוויניעס; פאַבריקען פון מאַשינען, קעסלען און אײַזערנע בוי־קאָנסטרוקציעס; די אויסאַרבייטונג פון נעגל, קייטן און דראָהט; אַנשטאַלטן צו בלײַכן, צינקעווען און צינעווען; אַלע אינדוסטריע־אַנשטאַלטן, וועלכע ווערן געטריבן דורך פאַרע, עלעקטריע פון איבער 10־פערדיגע מאָטאָרן אָדער דורך וואַסער־קראַפט — מוז דער פּלאַן און דער א.ג. סיטואַציע־שקיץ צוגעשטעלט ווערן צו באַשטעטיגן דער וואָיעוואָדישע אינדוסטריע מאַכט. וואָס שייך די פּראָיעקטן פון אַלע איבעריגע אַנשטאַלטן, ליגט די באַשטעטיגונג אין דער קאָמפּעטענץ פון די מאַגיסטראַטן און סטאַראָסטווע.

אויב דער פּאַטענט וויל זײַן געזיכערט, אַז מיט דעם פּלאַן־אײַנריכטונג און פּראָדוקציע־אופנים פון דעם אַנשטאַלט זאָל זיך קיין זײַטיגער פּערזאָן נישט קענען באַקלאָגן, דאַרף ער די באַטרעפנדע דאָקומענטן באַצייכענען מיט דער באַמערקונג:

„Tajemnica przedbiorstwa"

די באַטרעפנדע אינדוסטריע־מאַכט מוז אין משך פון 30 טאָג נאָכ'ן דערלאַנגען די בקשה מיט די בייגעלעגטע דאָקומענטן אָנגעמען אַ דעציזיע וועגן יעדן קאָנצעסיע־ענין. פּריוואַט־רעכטליכע פּרעטענזיעס קאָנען נישט דינען פאַר קיין מניעה אָפּצוזאָגן אָדער אויפצוהאַלטן דאָס באַשטעטיגן דעם אײַנריכטונג־פּראָיעקט פון אינדוסטריע־אַנשטאַלט. אַנדערע פּראָטעסטן מוזן באַטראַכט ווערן אין אַנוועזנהייט פון די פאַראינטערעסירטע צדדים און אין משך פון 20 אָדער 30 טעג דאַרפן די ענינים ערלעדיגט ווערן.

אויב ס'איז נויטיג, מוז די אינדוסטריע־מאַכט אויף די פאָדערונג פון בעל־עולם'ן דעלעגירן אויפ'ן אָרט אַ קאָמיסיע, אויסהערן די פאַראינטערעסירטע צדדים, אָנגעוויזענע דורך זיי עדות און זאַכקענער, אויב די פּראָוואָרפן זענען אומבאַגרינדעט מוז די קאָסטן דעקן דער אָנקלאָגער אין פאַרקערטן פאַל — דער אייגנטימער פון אַנשטאַלט.

פאַר דער באַשטעטיגונג פון פּלאַן, טאָר דער אַנשטאַלט נישט געבויט ווערן און בעוועגונג דעסגלײַכן מוז יעדע באַדייטנדע ענדערונג פון פּלאַן אויך באַשטעטיקט ווערן דורך דער וואָיעוואָדישער אינדוסטריע מאַכט.

יעדער דעציזיע פון דער אינדוסטריע־מאַכט קאָן פאַרקלאָגט ווערן דורך די צדדים און פאַראינטערעסירטע צו דער העכערער אינסטאַנץ, וועלכע מוז ערלעדיגן די באַקומענע אָנקלאָגעס אין משך פון 3 טעג.

י. אײַנפעלד.

לאָדז אויף די סלאָוואַצקי־פּייערונגען

א דעלעגאַציע קיין קראָקע. — א זילבערנער קראַנץ פון דער שטאָט לאָדז אויף דער טרומנע פון דיכטער.

(אז) היינט אויפדערנאַכט פאָהרט אַרויס פון לאָדז קיין קראָקע אַ דעלעגאַציע מיט'ן וויצע־פּרעזידענט וואָיצעוואָדזקי בראַש, וועלכע וועט אָנטייל נעהמען אין די פּייערונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן איבערפיהרען דעם טויטן קערפּער פון יוליוש סלאָוואַצקי אין וואַוועל.

אין דער דעלעגאַציע געהען אַרײַן אויך פאָרשטעהער פון באַזונדערע שטאָט־ראַט־פראַקציעס.

די דעלעגאַציע וועט צוריקקומען מיטוואָך.

.

11,50 פאַרמיטאָג פאָהרט אַרויס אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע קיין פּיעטרקאָוו.

די דעלעגאַציע וועט אַרויפלעגן אַ זילבערנעם קראַנץ אויף דער טרומנע פון פּאָעט.

דער צוג מיט דער טרומנע וועט זיך אויפ'ן וועג קיין קראָקע אָפּשטעלן אין פּיעטרקאָוו אויף עטליכע צענדליג מינוט.

דאָס פּייערליכע גרונד־שטיין־לעגען

פון דער אָראַנזשעריע בײַ „העלענובעק" אויפ'ן נאָמען פון סאַלאַ פרעהליך ז"ל.

נעכטען איז אין „העלענובעק" פאָרגעקומען דער פּייערליכער גרונד שטיין־לעגען פון דער אָראַנזשעריע ביים אײַנטערנאַט און לאַנד־פאַרמע אין העלענובעק אויפ'ן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם וויצע־פאָרזיצענדען פון כּוח ם פאַראיין (פּיעטרקאָווער 10) סאַלאַ פרעהליך ז"ל צו די שלשים נאָך זײַן טויט.

צו דער פּייערונג זענען געקומען די פאַרוואַלטונג פון סוחרים־פאַראיין, פון דער סוחרים־באַנק (פּיעטרקאָווער 41) און פון „העלענובעק", און פיל סימפּאַטיקער פון דעם אינטערנאַט אין העלענובעק, די פאַמיליע פון פאַרשטאָרבענעם, סוחרים, פרײַנד און באַקאַנטע פון'ם פאַרשטאָרבענעם פרעהליך ז"ל.

די פּייערונג האָט געעפנט ה' רומקאָווסקי. ער האָט אָנגעוויזען אויף די פאַרדינסטן פון'ם פאַרשטאָרבענעם, און אויף דער פאַסיגער פאָרם פון אָנדענקונג דורך דער אינסטיטוציע, וועלכע וועט זײַן אַ קוואַל פון פאַרדינסט פאַר'ן אינטערנאַט. ער האָט אויך אָנגעוויזען אויף די גוטע ערפאָלגן פון די קינדער אין לאַנדווירטשאַפט; אַז די פעלדער פון דער פאַרמע זענען בעסער צעאַרבייט, און ברענגען בעסערע תבואה, ווי בײַ די אַרומיגע פּויערים, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געאַרבעט אין פעלד. צום סוף האָט ה' רומקאָווסקי ערקלערט, אַז די נײַבוידע דאַרף אין 3 חדשים אַרום שוין זײַן פערטיג.

רעד. ע. האַמבורסקי האָט גערעדט אין נאָמען פון סוחרים־פאַראיין. ער האָט באַדאַנקט די פאַרוואַלטונג פון „העלענובעק", וועלכע האָט געפינען די פּאַסיגע פאָרם צו פאַראייביגן דעם נאָמען פון'ם יונגען כּלל־טוער, וועלכער האָט זעהר פיל געלייסטעט פאַר'ן סוחרים.

וויצע־פּרעזעס י. אײַזנער האָט כאַראַקטעריזירט די טעטיגקייט פון'ם פאַרשטאָרבענעם, און האָט געלויבט דעם אײַנפאַל אויף אַזאַ אופן צו פאַראייביגן זײַן נאָמען. עס האָבן נאָך גערעדט די ה"ה מאַשקאָוויטש, גאַרדאָן, האַלפּערן (העבּראַאיש) און נאָכדעם האָט דער חזן פון „אוהל יעקב" געמאַכט אַ הזכּרה נאָכ'ן פאַרשטאָרבענעם.

ס'זענען געפאַלן שפּענדן: פון דער פאַרוואַלטונג פון סוחרים־פאַראיין — 1000 זל., פון דער סוחרים־באַנק־500 זל., קאָלאָניאַל־סעקציע — 1000 זל., פּאַפּיר־סעקציע — 500 זל., מאַנופאַקטור־סעקציע — 1000 זל., רויכוואַרג־סעקציע — 500 זל., בוי־סעקציע — 15 טויזנט ציגעל.

דעם ה' דענענשטיין האָט מען מכבד געווען מיט'ן אויפרופן צו לעגן די ציגעל. דעם ערשטן ציגעל האָט געלעגט דער פּרעזעס פון פאַראיין ה' שיק, וועלכער האָט דערבײַ געהאַלטן אַ רעדע.

בעת'ן ציגעל־לעגן זענען געפאַלן אַנ'ערך 1300 זל. נדבות. נאָכדעם האָט דער עולם בײַ אַ גלעזעל טיי פאַרבראַכט אין אַ געמיטליכער שטימונג.

Dr. med.
A. MAZUR
נאַרוטאָוויטש (דזעלנאַ) 44
אויערן און האַלז קראַנקהייטן
שטימע און שפּראַך־פעהלערן
(שטאַמלען א.אַז.וו.) נעמט אָן
פון 12—2 און פון 6^30—8 אָוו.

Dr. H. SPIRA-BORNSTEINOWA
Cegielniana 4
טעלעפאָן 34-90.
ספּעציאַליסטקע: אַקושער און פרויען־קראַנקהייטן.
נעמט אָן פון 3—6 נאָכמיטאָג.

זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
גאַסטשפּילען פון בעריהמטן אַמעריקאַנער פּאָרל
אננא און היימאַן יאַקובאָוויטש
היינט מאָנטאג, ד. 27. יוני, 9 אָוונט — גרויסע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון 80 גר. ביז 2.50 זל. צום 4 טען מאָל:
„די גרינע כּלה"
פּיעסע אין 4 אַקטן מיט געזאַנג און טענץ פון סיגאַל.
רעזשיסירט דורך היימי גאָלדמאַן.
ס'ווערט געזונגען פאָלגענדע לידער: אַ גרוס פון רוסלאַנד, קדשנו במצותיך, פרעהט אײַך יודעלעך, לעבעדיג און פרעהליך, אוי, אָדעס, רוסישע פּאַפּוריִ, איך וויל זיך שפּילען.
הויפּט־ראָלען: גאָלדעלע — א. יאַקובאָוויטש; זעליג — ה. יאַקובאָוויטש.
אַדמיניסטראַטאָר: א. בעזמאַן. ביהנע־לייטער: מאַכאַראָווסקי.
בילעטן צו באַקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.
אנאָנס! די נעקסטע פאָרשטעלונג שבת דעם 2. יולי, 3.30 נאָכמיטאָג

די שוואַרצע חנה מיט ברייטע אייזיק.

(באַלוטער טיפּען).

די שוואַרצע חנה, אָדער ווי מ'רופט זי אין באַלוט: די „פּאַרטייאישקע", קומט צום ברייטן אייזיק דורך אַ לאַנגען שווערן וועג.

דער נאָמען „פּאַרטייאישקע" מיט וועלכען באַלוט האָט איהר געקרוינט, זאָגט עדות, אַז חנה האָט געהערט צו אַ פּאַרטיי, — וואָס האָט געקעמפט געגען „ניקאָלייען".

נאָך ביז היינט־צו־טאָג געדענקט מען אין באַלוט דעם ענטפער. וואָס חנה די שוואַרצע האָט געגעבן איהר מוטער, בעת יענע האָט זי געפרעגט

— חנה וואו געהסטו? !

— „ניין, בײַ מיין לעבען וועט ניקאָלײַ קיין „קייסער נישט זײַן !..."

אַזוי ענטפערנדיג די מוטער האָט זיך חנה געלאָזט צו די באַריקאַדן, וואָס חברים קעמפער האָבן אויפגעשטעלט.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס דער ערשטער חתן חנה'ס איז געווען איינער פון די קעמפער. און דאָ הויבט זיך אָן דאָס גאָלדענע קייטעלע פון חנה'ס לעבען, וואָס קייטעלט זיך דורך מלחמה און פאַרקייטעלט זי מיט'ן ברייטן אייזיק.

דער ערשטער חתן, דער קעמפער, איז חנה'ן ענטלאָפען פון אונטער דער חופּה. חנה, וואָס איז געבליבען פאַרשעמט האָט איהם אָבער מוחל געווען.

— ער, זאָגט זי, איז נישט ענטלאָפען פון מיר, נאָר פון דער פּאָליציי...

נאָך דער מעשה איז חנה עטליכע יאָהר געזעסען בײַ דער מאַשין און גע וואַרט, ביז ס'איז געקומען איהר בע־שערטער, און זי האָט מיט מזל חתונה געהאַט...

איז אָבער חנה'ן נישט בעשערט קיין גוטס, ברעכט אויס די מלחמה און צע־שטערט איהר גליק...

לויפען וואָכען, חדשים און יאָהרען. חנה זיצט אַלץ נאָך בײַ דער מאַשין און וואַרט...

און אַזוי וואַרטענדיג איז זי עלטער און עלטער געוואָרען. גאַנצע צוועלף יאָהר זענען אַוועק, דאָס לעבען האָט זיך אַזוי פיל געענדערט.

די דײַטשען זענען דאָ געווען בעלי־הבית'ים און זענען אַרויס.

דער פּאָלאַק איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. די מלחמה האָט שוין לאַנג אויפגעהערט. אַלץ, אַלץ האָט זי דער־לעבט, אַפילו „ניקאָלײַען" באַגראָבען נאָר איין זאַך נישט,— אַ מאַן.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַמאָל, ווען די זון האָט זיך ווי שטענדיג ברייט צולייגט אויף דער קעלמער גאַס האָט זיך באַוויזען אַ נײַער „שטערן": דער „ברייטער אייזיק".

אַנ'אַנגעריסענער, האָט ער אַ הונגעריגער שטאַצירט אין געסעל. האָבן חברה זיך אויף איהם מרחם־געווען, און זיך גענומען אַרויסהעלפען אַ לע־בעדיגען מענש.

און צווישען זיי האָט אויך נישט געפעהלט אונזער העלדין די שוואַרצע חנה. געמאַכט דעם בחור פאַר אַ לייט, האָבען חברה איהם חתונה געמאַכט און טאַקע מיט דער שוואַרצער חנה.

חתונה געהאַט האָט ער מיט איהר צוליב איהר גוט האַרץ און טײַערע נשמה, נישט קוקענדיג, וואָס זי איז עלטער געווען פון איהם מיט גאַנצע 15 יאָהר !

5 יאָהר זענען אַדורך פון זינט דער חתונה. פון דעמאָלסט אָן האָבן זיי זיך דערוואָרבען אַ פערמעגען פון 3 קינדער.

און נאָך יעדען קינד, גייט פאַר דער שוואַרצער חנה אַ סדרה גט'ן זיך.

דער ברייטער אייזיק ווען חברה האָבען אַזוי יונג באַגראָבען מיט דער שוואַרצער חנה'ן, האָט אין איין האָבען חרטה אויף זײַן פאַרלוירענער בחור'־שאַפט. און די חרטה קומט יעדעס מאָל נאָכ'ן געבוירען ווערען פון אַ קינד. האָט ער לעצטענס געמאַכט אַ ברית. האָט זיך אין איהם די חרטה צוואָקסען אין דער לענג און אין דער ברייט, טענה'ט ער צו זײַן „שוואַרצע":

— האָסט געוואָלט אַ קדיש, האָב איך דיר געמאַכט !

— מאַכען זאָל זיך דיר מכּות אין האַלז — ענטפערט איהם די שוואַרצע חנה, און צווישען פּאַרפאָלק הויבט זיך אָן די אמת'ע מלחמה, ס'פאַלען בענקלעך, טעלער, און קללות, וואָס מישען זיך צו־נויף מיט'ן געוויין פון צושראָקענע קינ־דערלעך.

און דער שפּיל חזרט זיך איבער טאָג נאָך טאָג און ווערט יעדעס מאָל אָפּגע־שטעלט דורך די שכנים, פאַר וועלכע דאָס פּאַרפאָלק האַלט אָפּטע דין־תּורה'ס.

— אַז מיר איז בעשערט געווען אָפּ־צופינסטערן אַ לעבען, האָב איך בע־דאַרפען זיך דערוואַרטען אויף אייזיק־לען — קלאָגט זיך חנה.

— אַז מיר איז בעשערט געווען יונ־געהייט באַגראָבען צו ווערען, האָט מען מיך מיט דיר חתונה געמאַכט — שרייט אייזיק.

— די זאָגסט, די פינסטערסט אָפּ אַ לעבען ? — וועט אייזיק ווייכער — עלטן דעך באַפרייען, כ'על דער געבען גט.

— בײַ מיר ווילסטו דאָס אויספירען ? אייזיקעל: ניקאָלײַ האָט בײַ מיר נישט אויסגעפיהרט, ווילסטו אויספיהרען? איך האָב אַמאָל געזאָגט: בײַ מײַן לעבען עס „ניקאָלײַ" קיין קייסער נישט זײַן און כ האָב איהם טאַקי באַגראָבען.

געדענק, אייזיקעל, נאָך ניקאָלײַען בייסטו.

דאָ ענטפערט שוין אייזיק גאָר נישט, מאַכט אַ שוויינג און וואַרט אָפּ אַ צווייט געלעגענהייט, ווען ער וועט ווידער קאָ־נען רעדען וועגען אַ גט.

ה. פּאָזנאַנסקי.

אין דער נאכט ווען די ליבע ערוואכט...

א ליבע-טראגעדיע פון א פרוי פון א לעמבערגער יודישען אדוואקאט.

נישט בלויז ביים אויגערופענעם „פאלק“, נור אויך אין די „הייכע פענסטער“ קומען פאר ליבע-סקאנדאלען, וועלכע ענדיגען זיך אין געריכט אדער אין דער בית-דין-שטוב.

אזא ליבע-סקאנדאל האט זיך אפגעשפילט ביים לעמבערגער בית דין טיש. צום בית דין איז אריינגעקומען א לעמבערגער יודישער אדוואקאט זיך גט'ן מיט'ן ווייב.

וואס איז די מעשה?

די יונגע שעהנע און עלעגאנט-געקליידעטע פרוי נעמט דערצעהלען. טרעהרען שטיקען זי. קענטיג, אז דער גאנצער ענין איז איהר זעהר שטארק נישט אנגענעהם. 10 יאהר וואלט זי זוכער אוועקגעגעבען, ווען זי זאל נישט דארפען אנוועזענד זיין ביי דער גט-צערעמאניע.

אבער וואס לאזט זיך טון? איינמאל פאר אלעמאל מוז עס א סוף נעהמען. זי קאן נישט מעהר אויסהאלטען. זי פיהלט, אז אויב דאס וועט נאך לענגער דויערן, וועט זי בעקומען א הארץ-שלאג. איהר פנים גליהט, די קויל-שווארצע, ים-טיפע אויגען פינקלען ביי איהר, אויף איהרע קליינע, קארמין-רויטע ליפען שפילט א ביטערער שמייכעל:

איך, רבי, וועל דערצעהלען. איך...

זי ברעכט אויס מיט א געוויין.

מיט ניין יאהר צוריק האב איך זיך מיט איהם בעקענט. ער איז דאמאלס געווען א ארימער אקאדעמיקער. איך האב געשטאמט פון א בעל הבית'ישער היים.

מיר האבען זיך ליב בעקומען. ער האט נישט געהאט קיין מיטלען אויף צו פערענדיגען זיין שטודיום. מיינע עלטערן האבען איהם געשטיצט און ער האט פערענדיגט זיין שטודיום און בעקומען דעם „דאקטאר“-טיטעל.

דאן האבען מיר חתונה געהאט. ביז ער האט אנגעהויבען צו פראקטיצירען אלס אדוואקאט האבען מיינע עלטערן אונז אויסגעהאלטען.

אזוי ווי מיין מאן איז ערשט געווען א אנפאנגער, וועלכען קיינער האט נישט בעקענט און דערום האט ער זיך צוגענומען א שותף.

מיינע עלטערן האבען איינגעריכטעט א שעהנע קאנצעלריי. אבער צום אומגליק האט אויך אונזער שותף חתונה געהאט און אזוי ווי אין שכנות איז געווען א לעדיגע דירה האט ער זיך אריינגעצויגען. אזוי, אז מיר זענען נישט בלויז געווען שותפים, צו דער קאנצעלריי, נור אויך צום וואוינונג-קארידאר. מיר האבען געהאט איין בשותפות'דיגען קארידאר, פון וועלכען די טירען האבען געפיהרט צו אונזער וואוינונג און צו אונזער שותף'ס דירה.

מיין שותף'ס פרוי איז געווען א מע־פזמטע פרוי. זי איז געווען ריה־פוודיג און קלוג. מיין מאן איז, ווי עס זעהט אויס, איהר געפעלען געווארען, ווייל זי האט מיט איהם אנגעהויבען צו האבען מחויק ת. מיין מאן האט זי אויך, ווי איך האב בומערקט, ליב בעקומען.

איך האב דערפון געוואוסט. דאס האט מיר — זעהר וועה געטון. אבער איך האב זיך נישט געמאכט זעהענדיג.

ווען מיין שותף האט זיך פון דער דאזיגער מעשה דערוואוסט האט ער אנגעהויבען ארומצוגעהן ווי אויס'ן עולם התוהו. ער האט זיין פרוי שטערבליך ליב געהאט און האט דערום נישט געוואגט איהר צו מאכען א פארוואורף. איבריגענס האט ער מורא געהאט פאר א שלעכטען רעזולטאט, וועלכען אזעלכע פארוואורפען קענען ברענגען.

מאכט זיך א מעשה און מיין שותף מוז אפפאהרען קיין אויסלאנד, כדי דארט צו ערלעדיגען א רייה געשעפטליכע ענינים. אזוי ווי נור ער איז אוועק פון לעמבערג איז דאס פערהעלטניש צווישען מיין מאן און מיין שותף'ס פרוי געווארען אלץ מעהר אינטימער... דאס האט מיך פשוט משוגע געמאכט. אבער איך האב נאך אלץ געשוויגען. איך האב גערעכענט, אז מיין מאן וועט, נאכדעם אלעמען, וואס מיינע עלטערן האבען פאר איהם געטון, פארט מיר קיין בזיונות נישט פערשאפען.

איך האב זיך אבער טועה געווען, ביטער טועה געווען. און אט דער מצוה האט מיך געפיהרט צום בית דין מיט'ן פערלאנג, אז מען זאל מיך אבגט'ן.

אין א געוויסער נאכט. מיין מאן האט געמיינט, אז איך שלאף שוין. אין דער אמת'ן בין איך נאך נישט געשלאפען. איך האב בעהאלטען די אויגען פערמאכט, אבער אלעס האב איך געהערט, וואס ארום מיר טוט זיך.

פלוצלונג הויבט זיך מיין מאן אוף. צ'הט אויף זיך ארויף זיין אויבערמלבוש, געהט שטיל אויף די בענעפל ארויס פון שטוב. איך עפען די אויגען, איך הער זיך איין:

ער געהט אריין אין שטוב פון מיין שותף'ס פרוי,

איך האב געוואלט ארויסשפרינגען פון בעט און מאכען א סקאנדאל. אבער איך האב זיך מיט אלע כחות צוריקגעהאלטען.

איך האב געווארט. געווארט א שעה, צוויי, דריי — קיין שפור. מיין מאן קומט נישט צוריק, איך בין אנדרימעלט געווארען.

ווי לאנג איך בין געשלאפען ווייס איך נישט. נור ווען איך האב זיך אויפגעכאפט פון שלאף איז מיין מאן שוין געלעגען אין בעט.

אויף צו מארגענס האב איך געפרעגט מיין מאן, וואס ער האט געטאן ביי נאכט נעכטען ביים שותף'ס פרוי, נישט לאנג געטראכט האט ער מיר ערקלערט, אז ער האט זי ליב און דאס גלייכסטע וואלט געווען, ווען איך זאל איהם בעפרייען..

דערהערט אזעלכע דבורים האב איך פערשטאנען, אז מיין מאן איז פאר מיר פערלוירען. איך האב זיך נישט מעהר געוואלט מוטשען. מיר האבען זיך בעשלאסען צו גט'ן. און אט זענען מיר ביי אייך אין בית דין.

דער בית דין האט אבגעגט'ט דאס פאר פאלק.

Dr. med. H. LUBICZ
צענעלניאנא 43, טעל. 41-52
ספעציאליסט פאר הויט, מענער[illegible] קראנקהייטען
איז צוריקגעקערט.
בעלייכטונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל) נעמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אוונט

יורידישע עצות.

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט“ ענטפערען אויף יורידישע אנפראגען. וואס ווערען צוגעשיקט נאר שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן.
יורידישע אפטיילונג
פון „נייעם פאלקסבלאט“

בעם דערלעגענען אן אנפראגע אויף א יורידישע עצה דארף צוגעלעגט ווערען דער קופאן פון דער לעצטע פון טאג, ווען די אנפראגע ווערט אריינגעגעבען. אויף אנפראגען אהן קופאן וועט פון ענטפער נישט געגעבען ווערען.

גילטיג דעם 27. יוני 1927.

5649 א גרויסע האנדווערקער פון זגערזש.

די נייע פעראָרדנונג פון מלוכה פרעזידענט וועגען אינדוסטרי רעכט בעהאנדלען מיר אויף די שפאלטען פון נייעם פאלקסבלאט אין א רייע אויספירליכע ארטיקלען. דער ערשטער ארטיקעל איז געווען געדרוקט אין נ. 143 פון מאנטאג דעם 20 יוני.

5650. שטיינפעלר.

ס'איז א פראגע צו ס'האנדעלט זיך וועגען אנ'ערפינדונג, צו בלויז וועגען א צייכען, סיי-ווי דארפט איהר זיך ווענדען וועגען רעגיסטראציע אין פאטענטען-אמט אין ווארשא.

D. D. 5651

מיר מאכען נישט קיינע אויסנאמען, אלע לעזער טראקטירען מיר גלייך. אוב ס'זענען פערהאן פיל אנפראגען מוז מען אויף אנ'ענטפער ווארטען אייניגע טעג. מיר ענטפערען אין גאנצען נישט, נאר אויף די אנפראגען, צו וועלכע ס'איז נישט בייגעלעגט דער קופאן פון טאג אדער ס'איז נישט פערהאן אויף זיי קיין שום אונטערשריפט אדער צייכען.

.5652 א לעזער פון זאוואדזקע

D. D. D. .5653

.5654 גאלדבערג.

ווענדעט אייערע ענינים מוזט איהר זיך פערזענליך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט אין רעדאקציע טעגליך פון 3 ביז 4 נאכמיטאג, מיטברענגענדיג די צייטונג.

5655. א פראטעסטירטען סוחר.

אויב פון בעל חוב איז נישט מעגליך איינצומאנען דעם חוב אויף אנ'אנדערן אופן, קאן מען לייגען אנ'ארעסט אויף דער סחורה, וואס מען טרעפט ביי איהם פאראנדי אין גאס.

5656. ש. ש., נ. 1

אנ'אפאזיציע קאן מען נאר דערלאנגען 1 מאל. אויב האט איר זיך אויף דער אנדערער געריכטס - פערהאנדלונג אויך נישט געשטעלט, קאנט איהר דערלאנגען אנ'אפעלאציע.

5652 ק. ש-ל.

פאר דעם פערבויטען פלאץ קאנט איהר פאדערן אנ'ענטשעדיגונג אדער צוריקצאהלען דעם שותף אנ'ענטשפרעכענדען טייל פון די בוי-קאסטען און איהר בעקומט אזוי ארום די איינציגע-רעכט אויף דעם דאזיגען טייל.

וואס שייך דער ערשטער אנפראגע קאן מען נאר אזא סאנקציע אנווענדען, כל זמן ס'איז נאך נישט פאראיבער קיין יאהר.

5658 א לעזער פון וואלטשאנסק.

ס'נעהט נישט אין דעם, צי זיין יאהריגאנג האט געדינט אדער נישט נאר ווען ער איז אוועקגעפאהרען און צי האט ער זיך באלד אדער בכלל רעגיסטרירט אין קאנסולאט.

5659 א פאבריקאנט פון סוועטערס.

אנ'אמטאך מוז זיין, נאר שריפטליך און ווערען געהעריג רעגיסטרירט אין האנדעלס-געריכט אנדערש איז ער אין אזא פאל נישט גילטיג.

Dr PRYBULSKI
זאמאדזהא 1, טעלעפאן 25-38
ספעציאליסט אין האר - הויט - קראנקהייטען, ווענעריש-מענער, בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל), רענטגען-שטראהלען.
נעמט אן פון 9—1 און פון 4—8 אוונט
זונטאג: פון 4—5 נאכמ.

די, וועלכע אזעוו האט פערראטען.

בעארבייט פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט“ לויט
פערשידענע מאטעריאלען פון ל. בראנט. (96

פירשט מיעטשטערסקי איז געווען איבערצייגט, אז אזעוו האט געדינט געטריי די רעוואלוציאנערען, און דער רעגירונג האט ער געהאלפען נאר פאר געלד. ער שרייבט דעריבער: „א מלוכה-פערברעכער זענען בעגאנגען די, וועלכע האבען צוגענומען אזעוו'ן אלס הויפט-אגענט פון דער פאליטישער פאליציי, ווייסענדיג, אז די רעוואלוציאנערען איז ער איבערגעגעבען און דורך דער רעגירונג איז ער בלויז איבערגעקויפט; ווייל האלטען אזעוו'ן אין דער פאליציי איז געווען דאס זעלבע, וואס אריינלאזען אין א פולווער - סקלאד א מענש מיט א פעררויכערטען ציגאר.

די צייטונג „בירזשעוויא וויעדאמאסטי“ האט זיך געווענדעט צו אנ'אנגעזעהענעם מלוכה-מאן, וועלכער איז געווען גוט בעקאנט מיט דער ארגאניזאציע פון דער אכראנע און מיט דעם קאנטאקט, וועלכען די אכראנע האט געהאלטען מיט די רעוואלוציאנערען. דער זשורנאליסט האט געפרעגט דעם מלוכה-מאן, וואס איז געווען גוט בעקאנט מיט דער ארגאניזאציע פון דער אכראנע און מיט דעם קאנטאקט, וועלכען די אכראנע האט געהאלטען מיט די רעוואלוציאנערען. דער זשורנאליסט האט געפרעגט דעם מלוכה-מאן, וואס האט בעוואויגען אזעוו'ן איינציגע אטענטאטען צו דערפיהרען ביז צום סוף, אנדערע אפצושטעלען באלד אין אנהויב, אייניגע צו שיקען אויף דער תליה, אנדערע אויפגעריסען צו ווערען פון באמבעס.

די הויכגעשטעלטע פערזאן האט געגעבען זעהר א כאראקטעריסטישען ענטפער:

„ווען מ'פראוואצירט, קאן מען קיינמאל נישט וויסען, וואו מ'וועט זיך אפשטעלען“.

ס איז זעהר מעגליך, אז אין פאלען, ווען ס'זענען צוגעגרייט געווארען בלויז פאלשע אטענטאטען, ווען מ'האט געדארפט נאר אנשרעקען די אדער יענע פערזאן, פלעגען געגען ווילען פון דעם ארגאניזאטאר פארקומען ריכטיגע מארדען. די אויספיהרער אליין ווייסען דאך נישט, אז זיי זענען געווערקצייג אין פרעמדע הענד און זיי קענען אפטרעטען פון די דערהאלטענע אינסטרוקציעס, וועלענדיג פרויסווייזען זייער אייגענע איניציאטיוו.

דאס בערימטע רעכטע בלאט „נאוואיע ווערעמיא“ האט זיך בעמיהט אויסצונוצען די מעשה אזעוו, כדי אויסצושטעלען און אויסצולאכען די רעוואלוציע און די רעוואלוציאנערען.

„וואס זשע בלייבט פון דער רעוואלוציע, — האט דאס בלאט געשריבען, — וועגען וועלכער מ'האט אזוי לאנג געשריגען אין פראקלאמאציעס, אין די לינקע בלעטער, אויף פלערליי מיטינגען און געהיימע פערזאמלונגען, אז דאס איז כלומרשט דאס פאלק אויפגעשטאנען געגען די „אונטערדריקער“. פאר „די בערויבטע רעכטע“ א אז. וו., א. אז. וו., ווען אין דער אמת'ן איז דאס אלץ נישט מעהר, ווי די ארבייט פון אנ'אגענט-פראוואקאטאר, וועלכער האט פערמיישט דאס וואסער, כדי צו כאפען דערין פיש פאר זיין אייגענעם נוצען? וואס בלייבט פון אונזערע רעוואלוציאנערען? אנשטאט דער רעוואלוציע, וועלכע דריקט כלומרשט אויס „דעם פראטעסט פון גאנצען פאלק“ געגען דער עקזיסטירענדער ארדנונג, בלייבט א שווינדלערישע קאמפאניע פון דרייסטע אוואנטוריסטען, פאר וועלכע די רעוואלוציע איז נישט מעהר, ווי [illegible] פון אזעוו'ס [illegible]“.

אין גאסודארסטווענע דומע איז צוליב דער מעשה אזעוו אריינגעטראגען געווארען אנ'אינטערפעלאציע. בעת דער בעהאנדלונג פון דער אינטערפעלאציע פון דער דומע-טריבונע זענען ארויסגעטראטען א גאנצע רייה אנגעזעהענע דעפוטאטען, עס האבען גערעדט: מאקלאקאוו, פערגאמענט, מאקראווסקי א. א. דעפ. בולאט, וועלכער האט אונטערשטיצט די אינטערפעלאציע מצד די טרודאוויקעס, האט דורכגעלייענט א בריף פון אזעוו'ן צו סאזאנאוו'ן, פון וועלכען ס'איז געווען צו זעהן, אז אזעוו האט זיך פערנומען מיט פעררעטערישער טעטיגקייט.

געענטפערט אויף דער אינטערפעלאציע האט אין א לאנגער, אויספיהרליכער רעדע סטאליפין אליין. סטאליפין האט מודה געווען, אז אזעוו האט פאקטיש געדינט אין דער אכראנע און דאס שוין א לאנגע צייט, דהיינו, פון יאהר 1893. ער האט אבער בעהויפט, אז דעם פאליציי דעפארטאמענט איז גארנישט געווען בעקאנט וועגען אזעוו'ס רעוואלוציאנערער טעטיגקייט פאר דער צייט, וואס ער איז געווען אנ'אגענט פון דער אכראנע.

דאס געריכט איבער לאפוכינ'ען.

די געזעלשאפטליכע מיינונג איז נאך געווען טיף אויפגעבראזט פון דער סענסאציע מיט דער דעמאסקירונג פון אזעוו'ן, ווען עס איז געקומען א צווייטע סענסאציע, וואס איז געווען א דירעקטער המשך פון דער מעשה אזעוו: לויט א פעראָרדנונג פון דער רעגירונג איז ארעסטירט געווארען א. לאפוכין, דער געוועזענער דירעקטאר פון פאליציי-דעפארטאמענט, וועלכער האט געשפילט אזא וויכטיגע ראלע אין דער אויפקלערונג פון אזעוו'ס ראל אין דער אכראנע. אויף לאפוכינ'ען האט סטאליפינ'ס רעגירונג בעשלאסען אויסצוגיסען דעם צארן פאר'ן דורכפאל, וועלכען זי האט געליטען א דאנק דער ענטפלעקונג פון אזעוו'ס פראוואקאטארישער טעטיגקייט.

לאפוכינ'ען האט מען ארעסטירט, און זיין וואוינונג איז געמאכט געווארען א רעוויזיע און געגען איהם איז פערפיהרט געווארען אנ'אויספארשונג. קיין פאריז איז דעלעגירט געווארען א ספעציעלער שליח פון דער פאליציי, דער זשאנדארמסקער ראטמייסטער אנדרייעוו, וועלכער האט בעקומען די אויפגאבע זיך צו אינפארמירען גענוי וועגען לאפוכינ'ס ראלע אין דער דעמאסקירונג פון אזעוו'ן. אנדרייעוו האט בעזוכט די עמיגראנטישע פערזאמלונגען, אויף וועלכע ס'איז בעהאנדעלט און ארומגערעדט געווארען דער ענין אזעוו און האט זיך בעמיהט אויס'ן גענויסטען אופן צו אינפארמירען וועגען דער טעטיגקייט פון דער אויספארשונגס-קאמיסיע, וועלכע איז געווען בעשטימט דורך דער פארטיי אין צוזאמענהאנג מיט דער אזעוו-געשיכטע.

(פארטזעצונג קומט).

איין יוד געשאכטן דעם אנדערן.

שווידערליכע מארד-טראגעדיע אין פאריז.

די גרימע בעפעלקערונג פון דער סיטע לעסאוש אין פאריז איז אויפגערודערט געווארן פון א שרעקליכן מארד, וועלכן ס'האט בעגאנגען דער יודישער סטאליאר בנימן ליווראנט איבער זיין שכן, דעם יודישן שניידער נחום ווייסבוים.

שוין חדשים לאנג ווי אין דער סיטע קומען פאר קריגערייען צוליב א וועכטערין, וועלכע בע'עולה'ט איהרע לאקאטארען. אלע איינוואוינער פון יודישע פון פראנצויזישע זענען נעגען איהר. זיי האבן אפילו אונטערגעשריבן אן אלגעמיינע אנקלאגע אויף איהר, אז עס ווערן זיי פערפאלן בריף, בעליידיגונגען און עהנליך.

בלויז עטליכע פערזאן זענען פארהאן און צווישן זיי דער מערדער ליווערנט, וועלכע האבן פערטיידיגט די וועכטערין.

זונטאג איגדערפריה איז געקומען א פארשטעהער פון ראטשיל-קאמיטעט צום ערמארדעטן ווייסבוים קאנטראלירן, צי האט ער ערהאלטן 20 ליטער מילך, וועלכע מען האט איהם אין די ווינטער חדשים ארויסגעשיקט. ווייסבוים האט אפילו קיין טראפען נישט ערהאלטן. ער האט די מילך-באנען אפילו נישט געזעהען. ווייסבוים האט חושד געווען די וועכטערין, אז זי האט עס צוגומען די מילך-באנען פון זיינע קינדער, בענעגענדיג ליווראנטס פרוי האט ער איהר פארגעווארפן, פארוואס זי און איהר מאן פערטיידיגען די וועכטערין, אין דער צייט ווען אפילו זיינע מילך באנען זענען ביי איהר געבליבען. עס האט זיך אנגעהויבן א קריגעריי; א ווארט פאר א ווארט, מען האט זיך אנגעהויבן שלאגען. אבער שכנים זענען אנגעלאפען און מען האט זיי פונאנדערגעריסען. ליווראנטס מאן האט אויך פאר פיל שכנים געדראהט ווייסבוימען צו ערמארדען און ער האט זיין ווארט געהאלטען.

דינסטאג נאכמיטאג איז ווייסבוים בעגאנגען אויף דער גאס מיט א פעקעל ארבייט. אויף ראקעט איז איהם אנטקעגן געקומען די פרוי פרידע ליווערנט מיט איהר ברודער. זי איז גלייך צו צו דעם שניידער און איהם דער לאנגט עטליכע פעטש און איז באלד אוועק מיט'ן ברודער. דער שניידער, א שוואכער יונגערמאן, האט זיך נישט געקענט פערטיידיגן. ער איז אהיימגעקומען אין דער סיטע. אבער די ליווראנטס האבן נאך נישט געהאט גענוג. ארום אכט איז אנגעקומען פרידעס ליווראנט מיט איהר מאן, בנימין. ר'איז גלייך צו צו דעם שניידער, איהם דערלאנגט עטליכע טרוקענע קלעפ און מיט א שער איהם אזוי שטויס געטון אין האלז, אז ער האט איהם איבערגעשניטען די אדערען און דער אונגליקליכער ווייסבוים איז באלד געפאלען, בעגיסענדיג זיך מיט א שטראם בלוט. מען האט איהם אבגעפיהרט אין שפיטאל סענט אנטואן, נאר אוי'ף וועג איז ער געשטארבען, נישט קומענדיג צו זיך.

נח'ם ווייסבוים האט איבערגעלאזען א פרוי מ'ט צוויי קינדער פון א יאהר און פון 4 יאהר אה, שום מיטלען צום לעבען.

אין דער סיטע איז באלד געווארען א גרויסער טומעל. אלע האבען זיך א ווארף געטון אויף דעם מערדער און איהם בעוואלט לינטשען. בלויז א דאנק דער אנגעקומענער פאליציי האט ער זיך ארויסגעדרעהט פון די הענד פון די ערגעריגע יודען און פראנצויזען. די אויפרעגונג געגען מערדער איז געווען אן אומבעשרייבליכע.

דער ערמארדעטער איז געווען אן ערליכער ארבייטער, וואס האט שווער און ביטער פערדינט זיין ברויט און איז געווען זעהר בעליבט ביי אלע וואס האבען איהם געקענט. זיינע ארבייטסגעבער זאגען זיך וועגען איהם זעהר גוט ארויס. דאגעגען דער מערדער איז בעקאנט אין דער סיטע אלס שלעגער, מיט א צייט צוריק האט ער מיט א לייכטער געשלאגען א יודען דעם קאפ.

אין שטאט האט די ידיעה וועגען מארד ארויסגערופען א שווערען איינדרוק. עס איז ביי יודען א זעלטענער פאל פון אזא רציחה.

(פאר. ה.)

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02
אינערליכע קראנקהייטען, ספעצ. פאר לונגען און הארץ-קראנקהייטען, בעשטראהלונגען אין פענסטער בערג-זון.
נעמט אן פון 3—4 נאכמיטאג און פון 4—5 דער לעמשניצע „וואלקא".

א מענשען-פרעסער פון קישינעוו.

אייניגע טויטע קערפער'ס, פון וועלכע מען האט אבגעשניטען די הענט.

אין די לעצטע טעג האט מען אין וואלד, נאהענט פון דער געגענד בורעני, געפונען א גאנצע רייה טויטע מענשען-קערפערס אהן קעפ.

די קעפ זענען, ווייזט אויס, אבגעשניטען געווארען, כדי שווער צו מאכן צו דערקענען די אידענטישקייט פון די ערמארדעטע פערזאנען.

מחמת די קרבנות האבען געהאט ביי זיך געלד און ביזשוטעריע, רעכענט מען, אז מיט קיין מארדען מיט רויב צוועקען האט מען דא נישט צו טון.

דערפאר אבער איז פעסטגעשטעלט געווארען דער פאקט, אז ביי אלע פויטע זענען אויסגעשניטען שטיקער קערפער.

דער פאליציי איז געלונגען צו ענטדעקן דעם מערדער, וועלכער איז א געוויסער פלאריאן אלעטי, א וואלדוועכטער.

ער איז משמעות א פולשטענדיג דעגענערירטער נפש, און ער האט שוין מודה געווען, אז די קרבנות זיינע האט ער געמארדעט, ווייל ער האט הנאה געהאט פון צוקוקען זיך צו זייער גוסס'ן, און ער האט זיך געוואלט דערנעהרען מיט מענשליך פלייש, וואס האט איהם ספעציעל געשמעקט.

א גאלדענע שווערד פאר פילסודסקי'ן.

פון ווארשא מעלדעט מען, אז אן אויספלוג פון אמעריקאנער פאליאקען, אנטיילנעהמער פון דער וועלט מלחמה, וועלכע קומט אין יולי קיין פוילען, דא־ף איבערגעבען דעם מארשאל פילסודסקי א גאלדענע שווערד.

דאס הענטעל וועט זיין ארטיסטיש אויסגעפיהרט און בעלייגט מיט דוקאטגאלד.

ווי אזוי כוליגאנעם האבען געוואלט אונטערצינדען און צוראבירען א יודיש געוועלב אין פיאנטעק.

די כוליגאנעס פון די קליינע שטעטלעך ווערט שוין לאנגווייליג און זיי הויבען אן צוזוטראכטען פערשידענע שפיצלעך, ווי אזוי צו בע'עולה'ן יודען.

אין שטעטעל פיאנטקע האט פערגאנגענעם שבת פאסירט פאלגענדע געשיכטע:

ארום 5 א זייגער נאכמיטאג זענען אלארמירט געווארען די פייערלעשער, אז ס'ברענט אין געוועלב פון דעם יוד יהודה שפיק, די פייערלעשער האבען זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט און אזוי ווי דאס געוועלב איז צוליב שבת געווען געשלאסען האבען זיי געוואלט רייסען דעם דאך, האקען די ווענד, גיסען וואסער א. א. וו. באלד איז אנגעקומען צו לויפען שפיק אליין, האט געעפנט די טיר פון געוועלב אבער צו אלעמענס גרעסטע איבערראשונג, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ס'ברענט בכלל נישט. ס'האט נישט געהאלטען קיין בעטען און ווייבען, די פייערלעשער, וועלכע האבען זיך גענומען צו הילף א גאנצע באנדע שקצים האבען ווייטער געארבייט משים, כדי צו פערניכטען דאס גאנצע געוועלב.

דעם יוד שפיק זענען באלד געקומען צו הילף עטליכע יודען פון שטעטעל און ס'איז ענטשטאנען א גרויס געשלעג, וועלכעס איז ליקווידירט געווארען דורך דער פאליציי. ס'האט זיך טאקי ארויסגעשטעלט, אז דער גאנצער אלארם איז נאר געווען א פראוואקאציע און אין געוועלב האט כלל נישט געברענט.

די כוליגאנעס האבען אבער נישט געקענט פערטראגען, וואס דאס שפיצעל האט זיך זיי נישט איינגעגעבען און נאך אין דער זעלבער נאכט, ארום 12 אזייגער, האבען זיך עטליכע שקצים צונויפ'גוב'עט צום הויף פון יוד שפיק און מיט שמאטעס, וועלכע זענען געווען איינגעטונקען אין סמאלע און בענזין געפרובט אויף אן אמת'ן אונטערצונדען דאס הויז. זיי זענען אבער בעכאפט געווארען ביי דער סאמע ארבייט און איבערגעגעבען געווארען דער פאליציי.

ח. מ. שהארי.

די נייעסטע פערפומען
קרעמען, סאלאט-ווייסען, קעלנישע בלומען-וואסער, פודער הוביגאן, קאטי און אנדערע צו קאנקורענץ-פרייזען עמפפעהלט
Perfumerja DRUKIER
Zawadzka 11
פאר אנגראסיסטען — ראבאט!
בעמערקונג: פודער קאטי און הוביגאן אויף געוויכט
רעיעל — ביליג!

אין פלאמען פון ליבע און האס

(ראמאן).

(50

— צי ביזטו עס באמת, מיין ליכטיג, כשר קינד? — האט די פרוי לוריע ווייטער געבעטן מיט טיפען צער — איך דערקאן דאך דיך איינגאנצען נישט... דו לייקענסט נישט, אז דו גצהסט אויף די ראנדקעס... אלע רעדען וועגען דעם, און איך אליין האב דיך אויך געטראפען!.. קינד מיינס, כשר'ער'ל טייערס זאג מיר, אז דאס איז בלויז א צייטווייליג פערבלענדעניש, זאג, אז דו האסט חרטה, און אז דו וועסט שוין מעהר אויף די ראנד קעס נישט געהן... וועסט אינערניך נישט געהן אהן מיר — נישט וואהר? און וועסט קיינמאל נישט קיין ליגען זאגען... איך בעט דיך, האב רחמנות, מיין קינד — צי האב איך זיך פערדינט, איך זאל האבען צרות פון דיר? ווילסט איך זאל שטארבען פאר חרפה? דאס אלץ איז דאך איבער מיינע כוחות! האב רחמנות, יהודית'ל, דערבארעם זיך!

יהודית האט געשוויגען.

— דו ענטפערסט נישט, יהודית! האסט זיך אפשר בעליידיגט? האב איך דיר אפשר געטון א רעה? איך האב דאך די לעצטע צייט אזא פערדרייטען קאפ, אז אויב איך האב דיר מיט עפיס בע'עולה'ט דערפסטו אויף מיר קיין פעראיבעל האבען... ענטפער מיר כאטש א ווארט! זאל איך, וועניגסטענס, וויסען וועגען וואס דיר האנדעלט זיך! וואס טראכסטו?

יהודית האט נישט געענטפערט.

זי איז געשטאנען א בלאסע, ווי מארמאר, א פערגליווערטע און נאר ביז בלוט פערביסען די ליפען, מורא האבענדיג ארויסצולאזען מיט א געוויין.

זי האט אבער בעשלאסען נישט צו ענטפערען א ווארט, נישט צו ארויסגעבען איהר סוד, וואס נאר זי און פערעלע ווייס פון איהם. מעהר טאר זיך קיינער וועגען דעם נישט דערוויסען: נישט די מוטער, נישט איהר חתן, קורט.. ווען די זאך זאל בלויז אפילו אין דער משפחה בעקאנט ווערען, וועט דאך איינגאנצען ווערען צוגארנישט איהר פלאן. די נאהנטסטע מענשען וועלען דאך נישט דערלאזען אוודאי, אז זי זאל פאלען א קרבן פון איבערגעגעבענהייט.

און ווייטער געדענקט — וואלט דאך קארל דרייוויק אנגעהויבען צו חושד זיין, אז ס'איז עפיס נישט גלאט, און צווייפלען אין דער אויפריכטיגקייט פון איהרע געפיהלען... ער איז דאך גאר קיין נאר נישט; וואלט ער געווארען פארזיכטיגער, און אליין אפגעטון עפיס א שפיצעל.

ניין, זי וויל ליבערשט ליידען — מעג זיין נאך פוילענד מאל שווערער! זי וועט זיך ארויסשטעלען אויף די גרעסטע ליידען און מאראלישע יסורים, כל זמן עס וועט ביי איהר לאנגען כוחות...

זי שווערט זיך עס טיף אין דער נשמה.

— מוטער איך האב זיך נישט פערדינט אויף דיינע מארוואורפען! — האט זי ארויסגערופען מיט א צעבראכענער שטימע — איך בין אומשולדיג.

— וועסט זיך נישט פאלגען?

— ניין... איך בין אומשולדיג.

— זאגסט מיר צו מעהר נישט צו זעהן זיך מיט דעם מענשען?

— כ'קאן נישט...

— פארוואס?

— וועסט זיך שפעטער דערוויסען... איך בעט דיך, מוטער פרעג מיך נישט מעהר...

— דאס איז מיין גליק, מיין רעכט!..

— איך קאן אבער גארנישט זאגען.

— ווילסטו מיך, הייסט עס, גענארען?

— מאמעלע, מאמע! אורטייל מיך נישט בלינדערהייט...

— הער זשע, יהודית: אויב דו וועסט פערפלעקען אונזער גוטען נאמען, אויב דו וועסט זיך זעהן ווייטער מיט דרייוויצ'ן, אויב ס'וועט טרעפען דאס אומגליק, וואס איך זעה פאראויס, אויב דו וועסט געהערען צו דעם מענשען... געדענק זשע, יהודית וועלען מיר זיך מעהר שוין נישט זעהן! מיר וועלען ווערען איינגאנצען פרעמדע, און דיין פוס וועט נישט טארען שטעהען אויף אונזער שוועל...

— ס'וועט זיין אזוי ווי דו ווילסט, מוטער...

זי האט מעהר נישט געקאנט איינהאלטען די טרעהרען, וואס האבען איהר געווארגען און זיך ביטער פונאנדערגעוויינט.

צום ערשטען מאל איז איהר דא אין הויז אויסגעקומען צו הערען אזעלכע שארפע רייד: איהר, איהר, וואס מען האט אזוי ליב געהאט און געפיעשטשעט, איהר האט מען געדראהט מיט ארויסטרייבען פון שטוב..

די פרוי לוריע האט ווידער נישט געקאנט פערשטעהן, וואס עס האט זיך געטון אין דער טאכטערס נשמה. זי האט געהאנדעלט און געטרערט אזוי, ווי זי האט פערשטאנען, כדי נישט צו דערלאזען ארייגצופאלען די טאכטער איהרע אין אפגרונד... זי האט זיך נישט געקאנט אן עצה געבען, און איז מעהר נישט צוגעשטאנען.

— געדענק נאר — האט זי צוגעגעבען — וואס איך האב דיר דא געזאגט. ביז איצט ביזטו געווען די אמת'ע איינציגע פרייד אונזערע! ברענג נישט דערצו, אז מיר זאלען ווען נישט-איז חרטה האבען, וואס מיר האבען דיך אנערקענט פאר א טאכטער. מיר האבען געטון אלץ און טאקי נאך מעהרער, ווי אונזער פליכט האט אונז געהייסען... גאט איז אונזער עדות. און זאל דיך גאט שטראפען!

ארויסזאגענדיג די לעצטע ווערטער, איז פרוי לוריע ארויס פון צימער.

איצט ערשט האט יהודית ארויסגעלאזט אויף דער פריי איהר איבערמענשליכען צער, וואס האט זיך געריסען פון איהר יונגער ברוסט:

זי האט זיך שווער אראפגעלאזט אויף דער ערד, און א קאנוואולסיווער יאמער האט אויפגעטרייסעלט איהר גאנצען קערפער...

— אזעלכע יסורים! — האט זי ווערטאגדיג ארויסגעשלוכצט — און דאס ערשט ביים אנהויב פונ'ם קאמף... גאט, גאט איינציגער! וואס וועט עס ווייטער זיין?..

ס'הארץ איז איהר פער'חלשט געווארען פאר שרעק, אין די אויגען איז איהר געווארען פינסטער, און זי האט פערלוירען דאס בעוואוסטזיין.

ווען די פרוי לוריע וואלט דאן געוועזט אריין אין צימער און דערזעהן איהר ליבע טאכטער כמעט טויט, א פער'חלש'טע ליגען אויף דער ערד, וואלט זי אפשר חרטה געהאט אויף איהר הארבקייט.

זי איז אבער נישט אריין.

(פארטזעצונג קומט).

רעטשניצע (פאַר סומענרע קראַנקע)

"SALUS" פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און צרצטליך דענטיסטישער קאַבינעט

גלובנא 41 טעל. 46-65. — איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז 8 אין אָוו. זונטאָג — פון 9 פריה ביז 2 נאָכמ.

ד"ר ז. ראַקאָווסקי	אויערן האַלז און נאָז-קראַנקהייטען	פון 11 - 12
ד"ר לאַנדקאַו	אינערליכע קראַנקהייטען	פון 1 - 2 און פון 5 - 7
ד"ר דינענזאָהן	קינדער-קראַנקהייטען	פון 11-12 און 4.30-6
ד"ר וויים	כירורגישע קראַנקהייטען	פון 1-2 און פון 6.30-7.30
. שמערלאָווסקי	פרויען-קראַנקהייטען און אַקישעריע	2.30 - 3.30, 5.30-6.30 זונטאָג פון 12-1
" זילבערשטראַם	וענערישע און געשלעכטס-קראַנקה.	פון 11.30-1 און 7-8
ד"ר גאָלדבערג	אויגען קראַנקהייטען	פון 10.30-12.30
ד"ר גאָלדרינג	אינערליכע קראַנקהייטען	פון 11-12 און פון 3-5
צאָהן-אַרצט פרוי לאַנדקאַו . סט. גאָלדבערג	צאָהן-און מויל-קראַנקהייטען	9.30-12 און פון 4-7 12-2 און פון 7-8

אָפּעראַציעס, אָפּעראַציעס, איינשפריצונגען, פּאָקען-שטעלען. אַלעריי אַנאַליזען, (ווי אורין, פלעגמע, בלוט או"וו) דורכלייכטונגען און רענטגען-אויפנאַהמען. קורס פאַר שטאַמלער. געבורטס-הילף בעראַטונגען פאַר מוטערס. קינסטליכע ציין, קאָראָנעס, גאָלדענע בריקען, פּלאָמבן א. אַז. וו.

ספּעצ. קורסען פאַר שטאַמלער. חיזוטען אין שטאָדט.

שוץ-אימפונגען געגען שקאַרלאַטין. 31

אמאל

זענען פרויען פון מיר אַנטלאָפען, ווען איך האָב מיך זיי ערקלערט אין ליבע, איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל בעקומען אַ נ'אָפּזאָג. די מיאוס'טע פרויליינס האָבען נישט געוואָלט זיין מיין געזעלשאַפט. איך האָב פערלוירען יעדען ווילען צום לעבען.

היינט

בין איך ממש בעלאַגערט דורך פרויען, מיין בלויזער בליק מאַכט גליקליך יעדע פרוי, אָהן אויסנאַהם. איך האָב אַנגעהויבען צו בעקומען אַ גרויסען ערפאָלג.

מיט וואָס ערקלערט זיך דאס?

מיט דעם, וואָס איך האָב אָנגעהויבען צו בענוצען פערמענטין, דאָס איינציגע ריכטיגע מיטעל געגען פיהלען פון מויל, וועלכע דער הרג'עט די מיקראָבען אין מויל, מאַכענדיג דעם אָטעם אונגעהויער אַראָמאַטיש.

FERMENTINA

בעזייטיגט דעם שלעכטען ריח פון מויל, קאָנסערווירט די ציינער, פערפעסטיגט די יאַסלעס און מאַכט אָנגענעהם דעם אָטעם.

הויפּט-סקלאַד אויף פּוילען: ROMAN WŁODARSKI, WARSZAWA, LUBIECKIEGO 5

צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען, אַפּטייק-סקלאַדען און פּערפומעריע-געשעפטען. פרייז 2.75 זל. פאַר שטיק. ווען מ'קריגט נישט, דאַרף מען זיך ווענדען צום הויפּט-סקלאַד אויף פּוילען. פאַר קונים פון דער פּראָווינץ ווערט ארויסגעשיקט נאָכ'ן בעקומען פּאַראויס 3 זל. אָדער 3.50 אויף אַ נאָכנאַהמע. 1819 היט זיך פאַר פעלשונגען!

פערטרעטער אין פערשידענע שטעט אויף אייגענער רעכנונג ווערען געזוכט.

וויכטיג פאַר סוחרים!

עס איז צו פערקויפען אין פּיעטריקאָוו

א קאַשע-מיהל מיט אַ מאָטאָר

פון 4 פערד קראַפט מיט אַ נייע מיהל מיט אַלע איינריכטונגען און אויך אַ בעקוועהם לאָקאַל, וועלכעס עס עקזיסטירט שוין ווי 30 יאָהר אַלעס אין בעסטען צושטאַנד. — צו ערפאַהרען ביי

Ef. Wakszlak, Piotrków. Garncarska 21.

Dr. med.

BRAUN

פּאָלודניאָווא 28

טעלעפאָן 40-26

ספּעציעל-אַרצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער - שוואַכע.

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספאַל)

נעמט אָן פון 9—12 פריה און פון 5 — 8 אָוונט

רעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

בזשעזשינער 11, טעל. 37-63

אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונט

ד"ר וואָלינסקי	נאָז, האַלז, אויערן-קר.	3—4
ד"ר הערשנער	קינדער-קראַנקהייטען	$12-9^1/_2$ 5—4
ד"ר שיפמאַן	אינערליכע קראַנקה.	1-11
ד"ר לוביטש	הויט-און געשלעכטס קר.	2-12
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	1—3
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	12.30—
ד"ר עליאַסבערג	כירורגישע קראַנקה.	1 —
ד"ר בערנסאָן	פרויען און געבורטס-הילף	3—4

ספּעציעלע מעדיצין, שפּ. ד-שטערונגען, ווי שטאַמלען א. ז. וו. פּאָקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהלונג און איינשפריצונגען, סאַלוואַרסאַן, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויך פערלאַנג — חיזוטען אין שטאָט. — אין לאַבאָראַטאָריע ווערען געמאַכט אַלע ארט אַנאַליזען, ווי אורין, פלעגמע און בלוט. 2120

אימפונגען געגען שקאַרלאַטין.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען אַ דענטיסטישער קאַבינעט

עס נעהמען אָן:

ד"ר זילבערשטיין	צאָהן-אַרצט	10—2 נ. מ.
ד"ר לאַזשינסקאַ סטאַראַפּאָלסקאַ	צאָהן-אַרצט	3—7

קינסטליכע ציינער, קאָראָנען, פּלאָמבען א. אַז. וו. די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.

Dr. med.

W. Eychner

פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע

זגערזשער 11 טעל. 54-72

נעמט אָן אין דער לעטשניצע אַפּאָרקאָווער 294 פון 12—3 מיטאָג און דער היים פון 6-8 אָוו.

Dr. med. Ludwik

Rapeport

Pr. Narutowicza 25 (Dzielna) tel. 44-10.

ספּעציאַליסט פאַר נירען, בלאַזען און האַרן - קראַנקהייטען. נעמט אָן פון 1 ביז 2 און פון 4 ביז 7 אָוונט.

Dr. ADAM

GROSGLIK

Al. Kościuszki 27, tel. 51-78

הויט און וועגערישע קראַנקה. רענטגען און ליכט-הייל אינסט. נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונט.

Dr. med

STUPEL

Szkolna 12

ספּעציאַליסט פון הויט, האָר און וועגערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע, רענטגען-שטראַהלען און קוואַרץ-ליכט, עלעקטראָ-טעראַפּיע. נעמט אָן פון 8—9 און אָוונט.

ד"ר. י. איינפעלד

וואוינט איצט אויף

42 ווסכאָדניא 42

אַ יונגעל, וואָס האָט שוין פּראַקטיק, אָדער אָהן פּראַקטיק, ווערט געברויכט צו אַ לעכער - מאַשין, ווי אויך צו צעקלען אָשור ביי ראָזענשטיין, אַלט-שטאָדט 5. 749

דאַנטיסט און צאָהנטעכניס

י. ביטענסקי

5 קאָנסטאַנטינער 5

נעהמט אָן אַלע טאָג פון 9 פריה ביז 8 אָוונד. פּרייזען היפּשע · ... און ...

מעבעל

איך קויף און פערקויף

דיוואַנעס, בעטען, ניי מאַשינען, גאַרדעראָבען, סאָפאָ-יאָרען א. ז. וו. און צאָהל די העכסטע פּרייזען

א. ווייצמאַן נאַרוטאָוויטש 19 (דזיעלנאַ)

אין מעבעל-געוועלב, (פּרזשאַט-וואָזינג שענקעווישאַ 29) ביי מיר איז שטענדיג דאָ פערש. געניצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען. 1332

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת?

פאַרוואָס לויפט יעדער אין ביורא פּיעטריקאָווער 17?

ואמרת אליו, זאָלסט איהם זאָגען — אַז אין דעם ביורא —

17 פּעטריקאָווער 17

2-טען הויף, פּאַרטער, דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52, וואו מ'האָט ערלעדיגט און געשריבען אַלערליי בימעס לויט'ן אומזמיי. קלאָוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעדט אין פּוילען, אַפּעלאַציעס, אָפּאָזיציעס, אַדוואָלאַניעס, רעקורסען, וועגען פּעמער און קאָמיסאַריאַט-רושאַנדו, ביטעס וועגען דירה און אויסשאַנד ראַזיעטשטשי און אין אַלע פּאָליציי-בעצירקען, שותפות-אַקטען, סטאַטוטען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטען דאַראָוניעס, קאַרנע ספּראַוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.

רעכט-קאָנסולענט י. מאַנעלאַ, פּעטריקאָווער 17, זאַכאָדניאַ 52

שנעל, רעעל און ביליג!

Czopki Hemorojdalne Gąseckiego

(מאַמ'ן העהנדעל) בעזייטיגען וועהטאָג, ברענען, בייסענס, פערקלענערן געשווילען.

עס פערקויפען די אַפּטייקען. 1462

רעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט

זגיערסקאַ 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראַסאָווסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	10-11 2-3 $5^1/_2 - 6^1/_2$
ד"ר רוזשאַנער	הויט-און געשלעכטס-קר.	10—11 1—2
ד"ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	1-2
ד"ר יוסטמאַן	נערווען-קראַנקהייטען	12—2
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען-און געבורטס-הילף	$11-1^1/_2$ 5-6
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייטען	4 5 זונ. 1-2
ד"ר ווינבערג	אינערע הערץ לונגען-קר.	11-1 $5^1/_2$-7
ד"ר סטופּעל	רענטגען	2—12 4-6
א. גראָזענטשיק	צאָהן-אַרצט	3—7
ג. ראָזעס	צאָהן-אַרצט	9—2

צאָהן-פּלאָמבירונג, בעלייכטונגען, קאָראָנען, מאָסטען, א או. וו.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען

רענטגען-אינסטיטוט

היילונג פון הויט-קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגען-שטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קאָרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, לעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. א קורס פאַר שטאַמלער. אימפונגען געגען שקאַרלאַטין (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכם.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.

חיזוטען אין דער שטאָט.

מאַסאַזש- און הייל-גימנאַסטיק-שולע און קאַבינעט

פון דר. מעד. ב. שמירגעלד

צעגעלניאַנאַ 6, טעל. 51-89

רוקענביינער-פערקרימונגען, פּאַראַליזען, נערווען-שמערצען, רעמאַטיזם, ארטריטיזם, שטיהל-פערשטאָפּונג, גינעקאָלאָגישע מאַסאַזשען, בעהאַנדלונג פון פיזיש שוואַכע קינדער (גרופּען). נאָך דעם ענדיגען די שולע, ווערט ארויסגעגעבען אַ צייגניס.

עמפּפאַנג פון 3 ביז 5.

לאָדז, אַנדרעספּאָל-קראַשעוו

שטענדיגע אויטאָבוס קאָמוניקאַציע **"Kurjer"**

אָבפאָהר קיין קראַשעוו, פון ווידזעוו ביי דער טראַמוואַי-סטאַציע נומער 10 אין די שעה'ן 7, 9, 11, 13, 15, 17, 19.

אָבפאָהר קיין לאָדז, פון קראַשעוו, אַ זייגער 8, 10, 12, 14, 16, 18, 20. 689

אַנאָנסען - פּרייז: פאַר אַ מילימעטער - שורה. פאָרן טעקסט 15 גראָשען, פרייטאָג 20 גראָשען, אין טעקסט 40 גר., פרייטאָג 60 גראָשען, נאָכ'ן טעקסט 10 גראָשען, פרייטאָג 15 גראָשען. — פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100 פּראָצענט מעהרער. אויבער דער שטאָט — 50 פּראָצענט מעהרער.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אין לאָדז: אַ חודש — 5 זלאָטעס, — אויף דער פּראָווינץ: אַ חודש — 6 זלאָטעס, אין אויסלאַנד מיט 50 פּראָצענט מעהרער. — פאַר'ן אינהאַלט און טערמין פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פערענטווארטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.